דאָס הויפט־פּראָבלעם איז געווען דאָס וואָס עס איז נישט געווען קיין פאַרבינדונג צווישן די צוויי לאַגערן. איך האָב געאַרבעט אין לאַגער נומער 2, און אין אָנהייב איז אפילו פלאַנירט געוואָרן ארויסצולאָזן אונדז בכלל פון אויפשטאַנד. אָבער מיר זענען נייטיק געווען צו באַווייזן דער וועלט די אכזריותן פון טרעבלינקע.

צוויי העפטלינגען פון לאַגער נומער 1 זענען באַגאַנגען „פאַרברעכנס", גענוג שווערע, אַז מען זאָל זיי איבערשיקן צום שוידערלעכן לאַגער נומער 2, אָבער נאָך נישט אויף אַזוי פיל מען זאָל זיי גלייך שיקן צו די גאַזקאַמערן.

זיי זענען ניצול געוואָרן באַקומענדיק דערביי שווערע קלעפּ און אונדזער פאַרבינדונג איז געוואָרן איינגעשטעלט. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז דער אויפשטאַנד איז געפלאַנט אויף מאָנטיק, דעם 2טן אויגוסט (1943). דער שלאַכטרוף וועט זיין „אַ רעוואָלוציע אין בערלין". דעם סיגנאַל פאַר אָנצוהייבן דעם אויפשטאַנד וועט זיין אַן אויפרייס פון אַ גראַנאַט.

יעדער איינער וועט האָבן אַ ספּעציעלע אויפגאַבע. מיר דאַרפן עס גוט דורכפירן.

מיר זענען געווען אַ 600 העפטלינגען, שוואַך פון הונגער און שלעכטער באַהאַנדלונג און פייניקונגען, אַקעגן 800 שווער באַוואָפנטע אוקראַינער־וועכטער און 150 ס.ס.־לייט.

דער פלאַן איז געווען צו שטורעמען דעם געווער־אַרסענאַל און באַנוצן דאָס געווער צו הרגענען די וועכטער אויף די וואַכטורעמס. עמערס מיט נאַפט וועט מען אויסגיסן און אונטערצינדן דעם לאַגער.

אין דער צעמישונג וועלן מיר אַנטלויפן דורכן אָפענעם פלאַץ אין וואַלד אריין, דריי מייל ווייט פון אונדז.

דאָס איז געווען אַן אַמביציעזער פלאַן, אָבער מיר האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס צו פארלירן. פּאַמעלעך איז דער 2טער אויגוסט געקומען נענטער. די לעצטע קערפערס פון די הונדערטער טויזנטער, וועלכע זענען באַגראָבן געוואָרן אין די קברים־גריבער, זענען געוואָרן פאַרברענט און מיר האָבן געוווסט, אַז מיט דעם ווערט אויך די צייט פאַר אונדז זייער קורץ.

מיר האָבן געוווסט, אַז די דייטשן וועלן נישט איבערלאָזן קיין שפור פון זייערע אכזריותן. טרעבלינקע האָט געדאַרפט פאַרברענט ווערן, דער באָדן איבערגעאַקערט און די עדות דערמאָרדעט.

די אַטמאָספער אין די באַראַקן איז געווען עלעקטריזירט. עס איז נישט געווען קיין וועג צוריק.

מיטגעהאָלפן אונדזער פלאַן האָט דאָס, וואָס מיט אייניקע וואָכן פריער האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט קורט פראַנץ אָנגעהויבן הוליען און באַלעווען. יענע נאַכט פלעגן זיי טרינקען, זינגען און וויוואַטעווען נישט ווייט פון די פייערן, וואָס האָבן פאַרברענט די טויטע. דאָס האָט אָפּגעשוואַכט די שאַרפע דיסציפלין פון די וועכטער.

אין לאַגער נומער 1 איז דאָס געווער געווען שוין צוגעגרייט — גראַנאַטן, רעוואָלווערן, ביקסן. מיט צוויי פון מיינע נאָענטסטע פריינד האָב איך אַלץ געטאָן איינצוהאַלטן אָרדענונג אין די באַראַקן. יעדער צייכן פון אומרו וואָלט גלייך באַמערקט געוואָרן פון די ס.ס.

1טער אויגוסט. קיינער שלאָפט נישט. מאָרגן וועלן מיר זיין פריי.

איך האָב זיך לאַנג איינגעקוקט אין דער לבנה און שטערן. אפשר גיבן זיי אַ שיין פון אַ צוזאָג אַ סוף צו מאַכן צו דעם משוגעת? דער פרימאָרגן ציט זיך, מיר האָבן צונויפגענומען די לעצטע קופעס קערפערס, באַמיענדיק זיך מיט אַלע כוחות איינצוהאַלטן אונדזער שפּאַנונג און אומרו.

פיר נאָך מיטאָג. דער אָפּקלאַנג פון אויפרייס פון גראַנאַט. דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן.

מיר זענען געלאָפן און היסטעריש געשריען: „אַ רעוואָלוציע אין בערלין! אַ רעוואָלוציע אין בערלין!"

מיר האָבן אַטאַקירט די וועכטער ארום אונדז און זיי דערהרגעט מיט זייערע אייגענע ביקסן. די נאַפט־פלאַמען האָבן געלעקט די לופט. איך בין אומגעפאַלן איבער די ליגנדיקע קערפערס, וועלנדיק אַנטלויפן פון דער היץ.

נישט געקוקט אויף אונדזער גוט צוגעטראַכטן פלאַן איז אַלץ געווען כאַאָס. די ס.ס.־וועכטער האָבן געעפנט אַ גרויס פייער מיט מאַשין־געווער פון די טורעמס, דערהרגענדיק דערביי אויך זייערע אייגענע מענשן.

באַוואָפנטע יידן זענען ארומגעלאָפן איבערן לאַגער שיסנדיק ווילד.

די גאַזקאַמערן זענען אָנגעצונדן געוואָרן, זיי זאָלן מער נישט קענען טאָן זייער טייוולאָנישע אַרבעט.

רויך און צעמישונג האָבן איבערגעשראָקן אַלעמען. מענטשן זענען געלאָפן אומעטום.

עס איז געווען אוממעגלעך אונטערצושיידן די יידן פון די דייטשן און אוקראַינער.

אָבער באַלד האָט די ס.ס. גענומען אַלץ אונטער איר קאָנטראָל. זייער העפטיקע שיסעריי האָט געהרגעט הונדערטער פון אונדז.

מיר זענען געלאָפן אין גרויס איילעניש צו די פאַרצוימונגען. אייניקע זענען געשעדיקט געוואָרן אָנכאַפנדיק די שטעכלדראָטן און זיי זענען צעטרעטן געוואָרן דורך די מאַסן. איך האָב זיך ארויפגעדראַפעט איבער דעם פלאָנטער פון דראָטן און קערפערס. אַ קויל האָט אָנגערירט מיין פוס, אָבער איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט.

נאָר אייניקע מיילן ווייטער איז געווען די רעטונג אין וואַלד. איך האָב זיך אַרומגעקוקט און געזען אַז די ס.ס. יאָגט אַלעמען, באַנוצנדיק זיך מיט געפאַנצערטע אויטאָס.

אַ שרעק האָט מיך ארומגעכאַפט און דאָס האָט מיך געצווונגען צו ווייטערדיקע אָנשטרענגונגען.

כאַפנדיק קוים דעם אָטעם און שלעפנדיק זיך מיט די לעצטע כוחות בין איך אדורך דעם אָפענעם שטח און אַנטלאָפן אין וואַלד, וואָס האָט געגעבן שוץ מיר און אַנדערע 600 מענטשן. מיר האָבן געענדערט אונדזער פריער באַשטימטן גורל.

טיף אין וואַלד האָבן איך זיך אָפּגעטיילט פון די הונדערטער פון מיין פאָלק, וועלכע זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט מיר. די ס.ס. און געשטאַפּאָ האָט כסדר „געקעמט" דעם וואַלד זוכנדיק די אַנטלאָפענע.

די וועלכע מען האָט געכאַפט, זענען גלייך דערשאָסן געוואָרן.

די נאָענטסטע פאָר טעג האָב איך געבעטן עסן אין פאַרוואָרפענע פויערישע הייזער. דאָס האָט מיך געראַטעוועט. אָבער דאָס איז געווען זייער געפערלעך.

קיינער קען פריער נישט זיין זיכער צי די פויערים וועלן זיין פריינדלעך, אָדער צי די ס.ס. טשאַטעוועט נישט אין דער נאָענטסטער סביבה.

צווישן די גאַזקאַמערן און די קופּעס קערפּערס אויף דעם באָדן האָבן געדרעפּטשעט די שקלאַפּן־אַרבעטער. אַ טייל האָבן פונאַנדערגעפּלאָנטערט די קרבנות; אַנדערע, די „דענטיסטן", האָבן ארויסגעריסן די גאָלדענע און זילבערנע ציין. אַלץ איז געווען פאַר זיי נוצלעך.

די סאַמע מיאוסע אַרבעט איז געווען צו שלעפּן די קערפּערס. דאָס איז געווען מיין אויפגאַבע, צוגלייך מיט הונדערטער אַנדערע מענטשן.

דער לאַגער נומער 2 האָט געהאַט 269 אַרבעטער. לאַגער נומער 1 האָט געהאַט איבער 600. איצט בין איך גלייך צוגעטיילט געוואָרן צו אַרבעטן.

איך האָב אויך געשלעפּט קערפּערס אויף מיינע אַקסלען, אָדער געשלעפּט פאַרנוויז צום ראָוו. איך האָב געשלאָסן מיינע אויגן און מיין געדאַנק צו דער ווירקלעכקייט, וואָס האָט מיר נישט געגעבן קיין אויסוועג.

קראַנק צוליב דעם שוידערלעכן בילד האָב איך אָנגעהויבן צו ברעכן. אָבער ארויסצווייזן צו פיל סימנים פון שוואַכקייט האָט געהייסן אַ זיכערער טויט.

נאָך וואָכן פון דעם אַלעם איז מיין אַרבעט געוואָרן אַ קרענקלעכע רוטין, אַ האַלב באַוווסטזיניקע וועלט פון טויט. איך ווייס, אַז אַ טייל פון די קרבנות זענען נישט געווען פולשטענדיק טויט. טייל האָבן נאָך אַלץ געאָטעמט. אָפט, ווען איך האָב זיך איינגעבויגן אויפצוהייבן די קערפּערס האָב איך געקענט פילן אַ לייכט האַרצקלאַפּן.

אָבער די אַלע זענען געוואָרפן געוואָרן אויף די קופּעס מיט די אַנדערע, כדי צו ווערן דערשטיקט אונטער דער מאַסע פון די טויטע קערפּערס. אַ סך מאַמעס זענען נאָך אַלץ געווען, אפילו קאַלטערהייט, צוגעדריקט מיט זייערע קינדער. אַלטע פאָרפעלקער זענען געלעגן צוזאַמען אַרומגענומען מיט די אָרעמס.

אַנדערע האָבן געהאַלטן אָפן ברייט די אויגן און האָבן אויסגעזען ווי זיי רירן זיך, ווען איך האָב זיי אָנגעקוקט. אַ סך האָבן זיך געהאַלטן ביי די העלדזער, אָדער האָבן געהאַט ווונדן פון די ציין, ווייל זיי האָבן זיך אַליין געביסן אין אַנגסט פון זייערע לעצטע מינוטן פון לעבן.

געוויינטלעך ווערט אַ מענטש משוגע ביי אַזאַ אַרבעט. אָבער אין דער צייט האָב איך לאַנג שוין פאַרלוירן אַלע נאָרמאַלע געפילן. איך האָב געאַרבעט אין אַ כסדרדיקער טעמפּקייט און פאַרגליווערטקייט.

די גאַזקאַמערן האָבן אויך צוגעשטעלט אונדזערע האַרן אַ טעגלעכע פאַרוויילונג און דערפרישונג. זיי פלעגן ארייננקוקן אין די שמאָלע שפּאַלטן און וועטן זיך וועגן דער אויסהאַלטעוודיקייט פון זייערע קרבנות, וועלכע האָבן געלעכצט נאָך לופט צום אָטעמען.

די קלענערע גאַזקאַמערן האָבן געטאָן זייער אַרבעט אין 37 מינוט. ביי די גרעסערע האָט עס געדויערט א שעה מיט אַ פערטל — אַ צוגעטראַכט סאַדיסטיש מיטל פון די נאַציס צו פאַרלענגערן די גסיסה.

די פאַרקרימטע געדאַנקען פון די דייטשן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר גאָרנישט.

אפילו איניקע העפטלינגען, וועלכע זענען געווען אין דעם גיהנום זייט טרעבלינקע האָט זיך געשאַפן, זענען געוואָרן אַ טייל פון דעם משוגעת. ביי נאַכט, אין די באַראַקן, נאָך מיט שטיקלעך פלייש און בלוט אויף זייערע קליידער, פלעגן זיי זיך וויצלען וועגן זייערע שווערע לאָדונגען.

זיי פלעגן לאַכן און זאָגן, אַז געוויסע יידן זענען צו גוט געפּאַשעט געוואָרן און דאָס מאַכט שווערער זייער אַרבעט.

עס איז נישט לייכט געווען זיך צו איזאָלירן פון די דאָזיקע, וועלכע זענען געווען באַווירקט פון זייער אַרבעט.

מיר זענען געשלאָפן און געגעסן אין אַ תפיסה, אַ קלענערע און מער באַוואַכט ווי אין לאַגער נומער 1. מיר זענען אויך אַ ביסל מער געשפּייזט געוואָרן, אָבער זיכער נישט בעסער. צופעליק, ווען אַ פערד האָט געפּגרט פון קראַנקהייט, אָדער פון געוויינלעכער אויסשעפּונג, האָבן מיר באַקומען אַ סעודה פון פלייש... ווי הינט, וואָס רייסן זיך וועגן שפּייז האָבן מיר זיך געשלאָגן פאַר אונדזער חלק.

קורט פראַנץ האָט געהאַלטן דעם ספּעציאַליזירטן לאַגער נומער 2 אַלס זיין פּריוואַטער „האָבי". זיינע איינפאַלן זענען געווען אָן אַ סוף.

יעדן טאָג זענען צוואַנציק אָדער דרייסיק העפטלינגען געהרגעט געוואָרן צו מאַכן אָרט פאַר נייע. אַ סך זענען דערפירט געוואָרן צו משוגעת. אַנדערע האָבן געפּרוווט צו אַנטלויפן דורך באַהאַלטן זיך אין די ראָוון, צוזאַמען מיט די טויטע, און אָפּוואַרטן די פינצטערניש. דערנאָך פלעגן זיי פּרובירן אריבערשפּרינגען די שטעכלדראָטן.

דאָס איז געווען נישט בלויז געפערלעך פאַר זיי אַליין, נאָר האָט אויך געבראַכט שוידערלעכע רעפּרעסיעס פאַר אונדז אַלע.

„די הימעלשטראַססע", וועלכע האָט געפירט צו די גאַזקאַמערן איז געוואָרן טעגלעך געוואַשן. דער איינגאַנג צו די גאַזקאַמערן האָט בשום אופן נישט אויסגעזען אָנצוזאָגן שלעכטע בשורות. די טויזנטער זענען געשטאָרבן גאָרנישט חושד זייענדיק.

צוויי חדשים פאַרן סוף פון טרעבלינקע זענען מיר באַזוכט געוואָרן דורכן ס.ס.־רייכספירער היינריך הימלער אליין. כסדר האָט זיך ביי זיין זייט געפונען אַ יונגער ס.ס.־אָפיציר וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. זיין נאָמען איז געווען אַדאָלף אייכמאַן.

איך בין שפּעטער געוווירר געוואָרן, אַז אייכמאַן איז געווען איינער פון די הויפּט־אַרכיטעקטן ביים שאַפן טרעבלינקע.

הימלערן האָט מען געוויזן יעדן פּרט פון לאַגער. ער איז פאַרביי איניקע טריט פון אָרט, ווו כ'האָב געאַרבעט ביים ראָוו. איך האָב געזען אַ בלאַסן שמייכל אויף זיין פּנים. ער האָט אויסגעזען צו זיין זייער צופרידן מיט די רעזולטאַן פון לאַגער. קורט פראַנץ האָט איבערגעשטיקן זיך אליין.

די צאָל פון די געטויטע האָט אָנגעהויבן שטייגן גאָר הויך.

הימלער האָט באַפוילן מען זאָל זיי פאַרברענען.

מיט דעם וועט די אַרבעט פון טרעבלינקע זיין פאַרענדיקט און מיר האָבן געוווסט, אַז מיר אַלע וועלן אויסגעמאָרדעט ווערן.

אזוי זענען די זוימען פון אויפשטאַנד ערנסט איינגעפלאַנצט געוואָרן. קורט פראַנץ האָט געהייסן עפענען דעם ראָוו. דער געשטאַנק פון 300.000 קערפּערס, אַ טייל פון זיי האָבן געפוילט אין דער ערד מער ווי ניין חדשים, איז געווען מוראדיק. דאָס פאַרפוילטע פלייש און דער אָנבליק פון די צוזאַמענגעוואָרפענע קופּעס איז געווען אומדערטרעגלעך.

מיר זענען געקראָכן איבער די קני אין די רעשטלעך פון די טויטע און געשלעפּט זיי צו די גיגאַנטישע פייערן. דער וועג איז געווען געצייכנט מיט שטיקלעך ביינער און הויט, וואָס זענען צעפּרעסן געוואָרן מיט דער צייט.

איך האָב אָנגעהויבן שטעלן העכער דעם טויט ווי דאָס לעבן.

טרעבלינקע איז געגאַנגען צו זיין סוף. פאַר די שקלאַפּן־אַרבעטער איז די צייט געוואָרן זייער קורץ.




דעריבער וועט די גאַנצע דריטע רייע פון אונדזער אַפּעל אויסגעראָטן ווערן.

פראַנץ אַליין האָט געפירט דעם מאַרש צו די גאַזקאַמערן.

איך האָבן באַאָבאַכטעט די מענטשן און געטראַכט. ביע־לאַס איז געווען טויט, אָבער דאָס האָט אונדז געקאָסט מער ווי 400 לעבנס. אַזוי האָבן די דייטשן געשאַצט זייער ווערט.

פראַנץ איז געווען אַ הויכער און שיינער, און צוליב זיין אויסזען האָבן מיר אים גערופן „די ליאַלקע". וואָס שייך סאַדיזם האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיט ביעלאַסן.

אין לויף פון טאָג פלעגט ער זיצן מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער אויף די פּעק מיט קליידונג און פון דער הויך אַכטונג געגעבן אויף די אַרבעטער. די, וועלכע ער האָט געזען ארומדרייען זיך האָט ער קאַלטבלוטיק גענומען אויפן ציל.

איך האָב געמוזט צוזען ווי מיינע ברידער־יידן האָבן זיך געקאָרטשעט נעבן מיר אין בלוט.

יעדעס מאָל, ווען ס'איז אים געפעלן, פלעגט ער ארומגיין מיט זיין עלזאַסער הונט און פלוצלינג אָנרייצן דעם הונט אויף יעדן העפטלינג, וואָס האָט זיך געפונען נאָענט פון אים.

דער הונט איז געווען טרענירט צו באַפאַלן די גע־שלעכטלעכע טיילן פון מענטש. פראַנץ פלעגט געוויינלעך ענדיקן די הילפלאָזע טויט־געשרייען פון קרבן מיט אַ שאָס פון זיין רעוואָלווער.

איייניקע טעג נאָכן טויט פון ביעלאַס בין איך באַפרייט געוואָרן פון מיינע ביז איצטיקע פליכטן. פראַנץ האָט מיך ארויסגערופן...

איך האָב געשוידערט איבער מיין גורל.

קען זיין, אַז איך האָב אָפּגענאַרט דעם טויט צו לאַנג. קען זיין, אַז עס האָט זיך אויסגעשעפּט מיין נוציקייט און איצט וועל איך זיך פאַראייניקן מיט די טויזנטער ברידער מיינע, וועלכע מען ברענגט אום. ביי פראַנצן קענט איר קיין מאָל גאָרנישט וויסן.

מען האָט מיך געפירט צו זיין ביוראָ, אַ שמאָל, ריין צימער. יעדע זאַך האָט געהאַט איר אָרט, איינשליסלעך בילדער פון זיין ווייב און משפחה.

פראַנץ האָט מיך קאַלט אָנגעקוקט. „ווי פאַר אַ ייד האָסטו געאַרבעט גוט" האָט ער געזאָגט. „אָבער איך מיין, אַז דו דאַרפסט אַן ענדערונג. מאָרגן וועסטו אריבערגעפירט אין לאַגער נומער 2. דאָרטן קענסטו ווירקלעך פאַרבלייבן.

איך בין געגאַנגען אין גיהנום אריין.

אַלע פייניקונגען און צרות, וועלכע איך האָב דורכגע־ליטן, זענען געווען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס איך האָב געהאַט דורכצומאַכן.

די צוויי אָפּטיילונגען פון לאַגער זענען אַלע מאָל גע־ווען באַזונדער און אָפּגעטיילט. אין איינעם האָבן די העפט־לינגען געהאַט צו טאָן מיט לעבן און אין אַנדערן מיט טויט. קיין שום ייד, וועלכער איז געווען אין לאַגער נו־מער 2, איז קיין מאָל נישט צוריקגעקומען צו דערציילן וועגן דעם אַלעם, וואָס דאָרט קומט פאָר. די סיבה איז געווען פאַרשטענדלעך.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָב איך געקעמפט איינצו־שלאָפן, אָבער דער שלאָף איז נישט געקומען. שעהן האָבן זיך געצויגן ביז מען האָט מיך אויפגעוועקט פריער ווי געוויינלעך און געהייסן נאָכגיין דריי באַוואָפנטע וועכטער.

איך בין אַדורך דאָס טויער און זיך ארומגעקוקט. דאָרט זענען געווען צוויי געביידעס מיט ווייסע ווענט. דאָס זענען געווען די גאַזקאַמערן. איין געביידע האָט געהאַט דריי גאַזקאַמערן, יעדע האָט געקענט אריינעמען ארום 600 מענטשן.

די אַנדערע געביידע איז גרעסער און געהאַט צען גאַזקאַמערן, יעדע האָט געקענט אריינעמען 1000 מענטשן. הינטער די טויטהייזער איז געווען אַ ריזיקער ראָוו, וואָס האָט אריינגענומען טויזנטער יידישע קערפּערס. דער ראָוו איז טיילווייז געווען פאַרשאָטן מיט ערד.

שפּעטער, ווען די „פּראָדוקציע" איז גרעסער געוואָרן האָט מען אויסגעגראָבן אַ צווייטן ראָוו.

גאַנצן צעבראָכן, זענען מיר ווייטער געפּייניקט געוואָרן ביים געלעכטער און שפּאַס פון די אוקראַינער.

נישט געבנדיק אונדז קיין צייט צו קומען צו זיך, האָט מען אונדז צעטיילט אין צוויי גרופּן. די ערשטע האָט מען גענומען צו אַרבעטן אין לאַגער נומער 2. מיין גרופּע אין געבליבן אין לאַגער נומער 1. מען האָט אונדז געגעבן קליידונג און געהייסן זיך אָנטאָן. דאַן האָט מען אונדז ווידער צעטיילט אין קליינע סעקציעס, יעדע מיט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע.

איין סעקציע האָט געדאַרפט זען, אַז די מענטשן זאָלן אויסגעלאָדנט ווערן פון די צוגן אָן צו פיל טומל. אַן אַנדערע האָט סאָרטירט קליידער און ווערטזאַכן. יעדע זאַך, וואָס האָט געהאַט אַ ווערט, איז דירעקט געשיקט געוואָרן קיין די טשלאַנד צו העלפן די מלחמה־אָנשטרענגונגען.

די דריטע סעקציע האָט געטיילט זייף און האַנטיכער, און געפירט די קרבנות צו דער „באָד" לענגאויס דער „הימעלשטראַסע", ווי מען האָט דעם וועג גערופן.

עס זענען דאָ אויך געווען אַ געוויסע צאָל קאַפּאָס, העפטלינגען, אויסגעקליבן אָפּצוהיטן די אָרדענונג.

פון זיי האָבן צוויי געהאַט ספּעציעלע אויפגאַבן. דער ערשטער איז געווען דער דאָקטאָר. ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געזונט פון די ס.ס. און אוקראַינישע וועכטער. ער האָט אויך געדאַרפט לויטן באַפעל געבן טויטנדיקע איינשפּריצונגען די, וועלכע זענען געווען צו קראַנק און אויסגעמאַטערט צו גיין צו די גאַזקאַמערן.

מען האָט די קראַנקע געזאָגט, אַז מען גיט זיי „פאַרשטאַרקונג"־איינשפּריצונגען און דאָס וועט זיי נישט שאַטן. עס האָט זיי ווירקלעך נישט געשאַדט. די מערסטע פון זיי זענען געשטאָרבן אין 50 סעקונדן.

דער אַנדערער קאַפּאָ איז געשטאַנען ביים טויער, וואָס פירט אין לאַגער נומער 2. ווען די יידן, גאָרנישט חושד זייענדיק, זענען אדורך דעם טויער צו די גאַזקאַמערן האָט ער זיי גערופן צו איילן זיך. „שנעל, שנעל! איידער דאָס וואַסער ווערט קאַלט" האָט ער געשריען.

מיין אַרבעט איז געווען סאָרטירן קליידער.

דריי שעה נאָכן באַקומען די קלעפּ האָב איך געאַרבעט אָן אָפּרו. און עס איז נישט געווען קיין אָפּשוואַכונג פון טעמפּאָ. די אַלע מאָל וואַכזאַמע וועכטער האָבן שוין צוגעהיטן.

נאָך מיטאָגנאַכט, ווען דער לעצטער טראַנספּאָרט איז געוואָרן אויסגעליידיקט, דורכגעזוכט און אַוועקגעפירט, האָט מען די אַרבעטער אוועקגעפירט שלאָפן אין די באַראַקן. מיר האָבן געוווינט צוזאַמען אין איין גרויסן באַראַק מיט אַ זאַמד־פּאָדלאָגע.

צען מאַן האָבן מיר זיך געטיילט מיט אַ לעבל ברויט און יעדער האָט באַקומען אַ טעפּל שוואַכע שוואַרצע קאַווע. דער קאַמף צו באַקומען עסן, ווי אויך אַן אָרט צום שלאָפן, איז געווען אַ נאָרמאַלע זאַך.

מיין ערשטער טאָג אין טרעבלינקע איז אַדורך.

נישט געקוקט וואָס איך האָב נאָך געהאַט די שווערע איבערלעבונג פון מיין משפּחה און די טויזנטער אַנדערע אומגעקומענע אין מיין זכרון בין איך דאָך — צו מיין חרפּה — לייכט איינגעשלאָפן.

עס איז געווען זומער און די הייסע זון האָט אָן רחמנות געבאַקן באַלד אין צומאָרגנס פרי. מיר זענען אויפגעוועקט געוואָרן דורך די געשרייען פון די וועכטער.

אַ פּאָר רגעס בין איך געלעגן האַלב באַוווסטלאָז ביז מיין געדאַנק האָט זיך אויסגעקלאָרט. דער פריערדיקער טאָג האָט מיר אויסגעזען ווי אַ שווערער, שוידערלעכער חלום.

מען האָט אונדז אַרויסגעפירט פון די באַראַקן און מיר האָבן פאַראַדירט פאַרביי מאַקס ביעלאַס. ער האָט ווידער אונדז געזאָגט, אַז ער דערוואַרט יעדער זאָל טאָן זיין פליכט. די וועלכע וועלן אַלץ גוט אויספירן וועלן ווערן באַלוינט דורך בלייבן לעבן. די אַנדערע וועלן זיך פאַראייניקן מיט די מאַסן אין די גאַזקאַמערן.

דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו, וואָס ברענגט די ערשטע קרבנות פון דעם טאָג, איז געווען דער סיגנאַל אָנצוהייבן די אַרבעט. און אַזוי איז עס געגאַנגען כסדר.

יעדן טאָג זענען געקומען טויזנטער צום אומקום. טייל פון די העפטלינגען זענען געשטאָרבן פון אויסמאַטערונג. אָדער זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד ביי נאַכט אין די באַראַקן.

סם איז געווען לייכט צו קריגן. מען האָט עס געגנבעט פון די זאַכן פון די טויטע יידן. אַן אַנדער וועג פון זעלבסטמאָרד איז געווען דאָס הענגען זיך אויף די באַלקנס פון די דעכער פון די באַראַקן.

ווי נאָר די צאָל פון די שקלאַפן־אַרבעטער איז געפאלן, האָט מען צוגענומען פרישען מענטשן, אויסגעקליבן פון די טויזנטער ניי־אָנגעקומענע און מען האָט זיי צוגעטיילט צו אונדז. האַלב פאַרהונגערט, צעשלאָגן און שטאַרק דערשלאָגן האָבן מיר באַגעגנט יעדן טאָג מיט האָפענונגסלאָזיקייט און פולער פאַרצווייפלונג — אַלע מאָל פרעגנדיק זיך צי דאָס איז אונדזער לעצטער טאָג.

דאַן, אין אַ פרימאָרגן, ווען דער שרעקלעכער מאקס ביעלאָס האָט אונדז אויפן אַפּעל אַדורכגעקוקט, איז געקומען אַן אַקציע, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם קומענדיקן אויפשטאַנד אין טרעבלינקע.

ביעלאָס האָט מאַרשירט דורך די רייען פון העפטלינגען, וועלכע זענען געשטאַנען אויף „אַכטונג", און גאַנץ צופרידן האָט ער זיך צוריקגעקערט צו דער ערשטער רייע, איידער ער גייט אַוועק. דאַן האָבן מיין ברודער שלמה און מיין קוזין טוביה מאַרקאָס זיך געוואָרפן אויפן ביעלאָסן מיט אַ גרויס מעסער, וואָס האָט זילבערדיק אָפּגעגלאַנצט אין דער שיין פון דער זון.

זיי האָבן טיף אַריינגעשטעקט דאָס מעסער אין רוקן פון ביעלאָסן, וועלכער איז אומגעפאַלן. ער איז פאַטאַל פאַרוווּנדעט געוואָרן.

מיין ברודער האָט באַקומען באַצאָלט פאַר זיין נקמה. אַ האָגל פון ביקסן־קלעפּ האָט געמאַכט פון זיין שיידל פון קאָפּ אַ צעגאָסענע מאַסע. אָבער זיין ציל האָט ער דערגרייכט.

די ס.ס.־וועכטער אויף די וואַכטורעמס זענען געוואָרן אויף אַ מאָמענט זייער איבערראַשט. באַלד אָבער האָבן זיי געעפנט אַ גרויס פייער פון מאַשין־געווער, וואָס האָט זיך געטראָגן אין אַלע ריכטונגען. מיר זענען צעשראָקענע אַנטלאָפן.

הונדערטער זענען געהרגעט געוואָרן. ביעלאָסעס לייטענאַנט, קורץ פראַנץ, האָט געדאַרפט אָפּשטעלן די מאַסאַקרע. זיינע „אַרבעטסקרעפטן" זענען דאָך פאַרקלענערט געוואָרן.

פראַנץ האָט ארויסגעצויגן זיין רעוואָלווער צום נאָענטסטן ס.ס.־מאַן. דאָס פייער איז שטילער געוואָרן.

פראַנץ, וואָס האָט געדאַרפט ווערן דער נייער קאָמענדאַנט, האָט אונדז געהייסן אַנידערפאַלן.

מיר האָבן געוואַרט אויף אונדזער גורל.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט. דעם נאָענטסטן אינדערפרי, ווען מיר זענען געשטאַנען אין דריי רייען, האָט אונדז פראַנץ דערציילט וועגן אונדזער שוידערלעכן פאַרברעכן: אַ דייטשער אָפיציר איז געהרגעט געוואָרן דורך יידן. דאָס קען מען נישט מוחל זיין, האָט ער געזאָגט.

העגרי שטייער

# דער גרויל פון טרעבלינקע

איך בין געשיקט געוואָרן אין דעם טויטן־לאַגער טרעבלינקע פון יידישן געטאָ אין טשענסטאָכאָוו סוף אויגוסט 1942. דאָרט בין איך געווען עלף חדשים און זיבן טעג. אין דער צייט זענען זענען מער ווי 800.000 יידן געשיקט געוואָרן צום טויט.

איך בין געווען דער איינציקער פון מיין משפחה, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם גרויל און די אוממענטשלעכקייט פון טרעבלינקע, ווו עס זענען אומגעקומען מיין פרוי, מיין קליין טעכטערל, מיין פאָטער און צוויי ברידער.

די דערמאָנונג פון דעם שוידערלעכן מאַסן־מאָרד, פייניקונגען פון מענטש און דער דעגראַדאַציע פון מיין פאָלק דורך די נאַציס וועט פאַרבלייבן אין מיין זכרון אויף אייביק. אָבער טרעבלינקע איז אויך געווען דאָס אָרט פון איינעם פון די גרעסטע טריומפן — מיר זענען אויפגעשטאַנען כדי אראָפּצוואַרפן אונדזערע ס. ס.־האַרן.

מיין משפחה איז געווען פון די ערשטע, וועלכע מען האָט צוגענומען פון טשענסטאָכאָווער געטאָ קיין טרעבלינקע. מען האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז מיר גייען זיך באַזעצן ערגעץ אַנדערש.

מען האָט אונדז אריינגעפּאַקט אין לאַנגע צוגן פון מער ווי הונדערט שמוציקע פי־וואַגאָנען, אין וועלכע מיר האָבן געהאַט אָרט נאָר צו שטיין. אַ סך פון די קראַנקע און זקנים זענען געשטאָרבן אין דער 36 שעהדיקער רייזע. זיי זענען געווען די גליקלעכע.

די סטאַציע טרעבלינקע איז געווען א פריילעכער געמאָלטער קליינער פּלאַץ. ווען מען האָט אונדז געהייסן אַרויסגיין פון צוג האָבן מיר זיך גענאַרט צוליבן בליאַסק און דעם וואָרט „ענטהאָלונגסלאַגער", וואָס איז געווען אויסגעמאָלט אויפן גרויסן טויער, דורך וועלכן מיר האָבן אריינמאַרשירט אין דריי רייען.

מיר האָבן גאָרנישט פאַרדעכטיקט — אפילו ווען מיר האָבן געזען די דרייפאַכע הויכע פאַרצוימונגען, דורכגעצויגן מיט שטעכל־דראָטן, וואָס האָבן אַרומגענומען דעם טרעבלינקע־לאַגער.

אינעווייניק זענען געווען אייניקע צעוואָרפענע באַראַקן און אַ שטאַרקע, געפלאָכטענע וואַנט, וואָס האָט געטיילט דעם לאַגער אין צוויי. דער אויסזען איז געווען ענלעך צו די אַרבעטס־לאַגערן אין טשענסטאָכאָוו, מיט וועלכע מיר זענען געווען באַקאַנט.

אוקראַינישע וועכטער האָבן אונדז געפירט צו איינעם פון די באַראַקטן. עטלעכע ס. ס.־אָפיצירן זענען געשטאַנען כלומרשט גלייכגילטיק.

אין די באַראַקן האָט מען אונדז געהייסן אויסטאָן זיך. אפילו נאַקעטערהייט האָט מען ביי אונדז אויף אַ באַלייטיקן אופן גענוכט געוועער און ווערטזאַכן.

איך האָב באַמערקט, אַז אייניקע אַרבעטער, וועלכע לייטיקן אויס די טאַשן און פּאַקן די קליידונג, זענען ווי מיר — יידן. איך האָב געפרעגט איינעם וואָס עס איז געשען מיט די מענטשן, וועלכע זענען געקומען פריער פאַר אונדז?

ער האָט שנעל אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון דער געפלאָכטענער וואַנט, אָבער גאָרנישט געזאָגט.

„זענען זיי געראַטעוועט?" האָב איך געפרעגט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט פחד. אין דעם מאָמענט האָב איך פאַרשטאַנען דעם גרויליקן סוד פון טרעבלינקע, מיר גייען אַלע צום טויט. איך בין געבליבן שטיין פאַרגליווערט.

אַ וועכטער האָט מיך אַרויסגענומען פון מיין פאַרגליווערטקייט מיט אַ זעץ פון זיין ביקס. אַ וואַקלדיקן האָט מען מיך אריינגעשטופּט אין אַ רייע. און אין די דאָזיקע סעקונדן בין איך געוואָרן אָפּגעטיילט פון מיין משפחה.

איך האָב זיי מער נישט געזען.

די מענער, חוץ די וואָס האָבן אויסגעזען אומפעיק צו שווערער אַרבעט, האָט מען אַוועקגעפירט אין אַנדערע באַראַקן. די איבעריקע, פרויען און קינדער, זקנים און אויסגעמאַטערטע, האָט מען געגעבן זייף און אַ האַנטוך און געהייסן גיין אין באָד אריין.

זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז מען פירט זיי צום טויט. דאָס איז געווען אַ קאָשמאַר. קראַנק און פאַרצווייפלט, פול מיט ווייטיק פון די פּאַסירונגען, בין איך בלינד נאָכגעגאַנגען די אַנדערע.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט, דער ס.ס. אונטערשטורמפירער מאקס ביעלאַס איז געשטאַנען פאַר אונדז, ווי אַ סוחר אויף אַ חזיר־מאַרק.

ער האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר האָבן אַ שאַנס צו ראַטעווען זיך דורך דינען דייטשלאַנד. די, וועלכע וועלן לאָיאַל און שווער אַרבעטן, וועט מען שאַנעווען און זיי וועלן זיין אַ טייל פון זיג פון „רייך", ווען זיי וועלן איינגעמען די וועלט .אָבער מיר מוזן באַווייזן, אַז מיר זענען ווערט אַזאַ כבוד.

„איך דאַרף אַרבעטער" האָט ער געזאָגט „גוטע, פעיקע מענטשן צו העלפן, אַז טרעבלינקען זאָל אַרבעטן ווי געהעריק. אַלע קוואַליפיצירטע פאַכמענער זאָלן שטעלן אַ טריט פאָרויס".

מיין ווילן צו לעבן איז געווען שטאַרקער ווי מיין שאַנדע. איך האָב געטאָן אַ נישט זיכערן טראָט, צוגלייך מיט די מערסטע פון אונדז. די, וועלכע האָבן צו לאַנג געטראַכט און די וועלכע האָבן נישט געטאָן קיין טריט פאָרויס זענען באַלד אַוועקגעפירט געוואָרן.

„איצט" האָט ביעלאַס געזאָגט: „יידן, וועלכע רעדן דייטש זאָלן אויפהויבן זייער רעכטע האַנט". איך ווייס נישט פאַר וואָס, אפילו אין דעם משוגעת, האָב איך געפילט, אַז עס איז אַ שפּיצל, אַ טריק.

איך בין געבליבן שטיל.

מער ווי אַ העלפט פון די מענטשן האָבן אויפגעהויבן זייערע הענט. זיי האָבן געהאָפט אויף לייכטערע אַרבעטן אַלס איבערזעצער.

זייער טעות האָט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַטאַל פאַר זיי. דער לעצטער פּרווו האָט פאַרלאַנגט פון יעדן פיזישן אָנשטרענג און אויסהאַלטעוודיקייט, אויף פיל מיר האָבן נאָך עפּעס געהאַט.

די אוקראַינישע וועכטער, וועמען מיר האָבן שפּעטער אַזוי פאַראַכטעט ווי די ס.ס.־אָפיצירן, האָבן אונדז געטריבן מיט בייטשן און געשטויסן מיט זייערע ביקסן.

פאַלן, אומפאַלן, האָט געמיינט טויט.

דאָס האָט געדויערט עטלעכע מינוט. אייניקע זענען באַלד געשטאָרבן, די באַוווסטלאָזע און די, וועלכע זענען געלעגן און געקרעכצט, זענען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן.

„איר וועט מיטהעלפן די אַרבעטסקרעפטן פון טרעבלינקע" האָט ביעלאַס געזאָגט. דאַן האָט ער זיך אויסגעדרייט, אַ ברום געטאָן „הייל היטלער" און איז אַוועק.

שווער צעשלאָגן, דער ווילן און ווידערשטאַנד אין

חיים מאַלטינסקי

# לידער

**א.**

ווען איך קאָן אין מיין לידער־גאָרטן
לאָזן אין גאַנג
אַ יעט־מאַשין
וואָס זיכער זאָל און פשוט
אויסטשיפּען, אויסרייסן מיטן וואָרצל
דאָס אַלץ, וואָס האָט קיין דראַנג,
קיין זינען און ממשות
און בלייבן זאָל אויף יעדער בייט —
אַ שיינע לעבעדיקע קוויט.

**ב.**

אַ ר ע ר אַ ר י ז י ק ע . . .

נאָר ניט וויאַנען,
נאָר ניט פוילן —
לעבן, ווי אין שלאַכט
אונטער די זשומענדיקע פייפנדיקע
שפּליטערס קוילן . . .
צי ווי די מוראַשקע:
עס טראָגט און וואַלגערט זי דער ווינט
צוזאַמען מיט דער משא —
טוט זי זיך אַ קער —
און זי לאָזט בשום אופן ניט אַרויס
פון אירע צוואַנגען — לאַפּקעס
דאָס שטרויעלע — אַ קאָלאָסאַלע רער,
וואָס לייגן וועט זיך אין יסוד
פון אונטערערדיש נייער
מוראַשקע־שטאָט . . .

**ג.**

ווייל איך ווער אַ בן־שבעים —
מוט און עקשנות מוז סטייען,
ווי אויף אַ שלייף־שטיין צו שאַרפן
יעדער מחשבה און רעיון.
און ווי די ימיקע כוואַליעס
פריש אויף דער זון זיך צעבלאַנקען,
אַזוי וואָלט איך וועלן,
אויפבליצן זאָלן מיינע געדאַנקען.

**ד.**

וואָס מע האָט מיין נאָמען
ניט געשטעלט איבער מיין ליד,
נאָר אונטן,
אַרט עס מיך קיין ברעקל ניט.
אַבי נאָר קומען זאָל איך
מיט אַ וואָרט אַ בונטן,
אַ באַהאַרצטן און באַזונטן
מיט אַ יאָדער אַ געזונטן.

**אור יהודה,** דעצעמבער 1979

---

# אַניע און יוסף קערלער דאַנקען דער „קדימה"

ירושלים, נאָוועמבער 1979 — תש"מ

**צו דער פאַרוואַלטונג**
**פון יידישן קולטור־צענטער „קדימה"**
**אין מעלבורן**

פאָרזיצער: יאַשאַ שער

סעקרעטאַר: יהודית וואַרשאַווסקי

טייערע חברים,

דערלויבט מיר אויסדריקן מיין האַרציקסטן דאַנק, א ו נ ד ז ע ר דאַנק פאַר דער וואַרעמער, באמת ברידער־לעכער אויפנאַמע מצד דער „קדימה", איר פאַרוואַלטונג און אַלע אירע מיטגלידער.

מיר זענען אַוועקגעפאָרן צוריק אין אונדזער יידישער היים מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט נישט צו אייער שיי־נער, ריינער און פרעמדער פאַר אונדז וועלט מיט איר וווּנדערלעכער טראָפּישער לאַנדשאַפט, מיר זענען אַוועק־געפאָרן מיט דער ליבשאַפט און בענקשאַפט צו אייך, ברידער און שוועסטער, טייערע פאָלקסטימלעכע יידן — לעצט־פאַרבליבענע פון אויסגעשאָכטענעם מזרח־אייראָ־פּייִשן יידנטום...

אונדז וועט לעבנסלאַנג באַגייסטערן אייער אַקטיווער אינטערעס צו דער הויפּט־אַרטעריע פון יידישן פאָלק — אונדזער אַלעמענס מדינת ישראל, צום דריי מיליאָניקן יידישן ישוב אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס שטייט איצט פאַר אַ טויט־געפאַר, צום גורל פון אונדזער פיל־געלי־טענעם און פיל געפייניקטן יידישן וואָרט.

זייט געבענטשט פון ירושלים!

אייערע **אַניע און יוסף קערלער**

גורל פון איינזאַמקייט אין א פוסט פעלד? האָט גאָטס פינגער אים אָנגעצייכנט זיין לעבנסוועג — צו זיין אין דער אַרומיקער פוסטקייט אַ מקלט, אַן אָנשפּאַר פאַר די, וועלכע האָבן זיך געניטיקט אין זיין שוץ?

ער האָט דאָס נישט געוווּסט און אויך וועגן דעם נישט געטראַכט. ער האָט גענומען די זאַכן ווי זיי קומען מיט דעם געזונטן אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, וואָס זינגט דאָס געזאַנג פון פּראָסטן, נישט קאָמפּליצירטן לעבן.

וויפיל זומערס און ווינטערס עס זענען זינט דעמאָלט פאַרביי — געדענקט נישט די איינזאַמע ליפּע. אין איר בוימישער געדעכעניש זענען פאַרבליבן דערינערונגען פאַרווישטע שוין מיט דער צייט. זי געדענקט די פרילינג־רעגנס, וואָס פלעגן דערוואַרעמען די פאַרפרוירענע צווייגן און דערקוויקן מיט פריש לעבן די ערד און די יונגע וואָרצלען. דער ליפּעבוים געדענקט די חמימות, ווען זיין יונגער שטאַם האָט דורך דער דינער, קוים אָנגעוואַקסענער קאָרע, איינגעזאַפּט דאָס פלאַמיקע גאָלד פון דער זומער זון און ער האָט זיך געצויגן מיט פאַרשייטער גדלות הויך, צום הימל. ער איז אין לויף פון יאָרן געוואָקסן אין דער הייך, אָנגענומען גוף און זיין אידעלע, דינע קאָרע איז געוואָרן סטרופּעדיק האַרט. ווי אויסגעפּראַצעוועטע הענט, וואָס שרעקן זיך נישט פאַרן שווערן לעבנס־עול. צווישן זיינע באַבלעטערטע צווייגן האָבן זיך יאָר איין, יאָר אויס שוואַלבן אויסגעפּיקט. דערמיט האָט ער זיך דערפילט מיוחסדיק — ער לעבט נישט אומזיסט... אויך אים איז באַשערט צו טיילן זיין לעבנספרייד מיט נאָך אימעצן.

ווען ער איז אויסגעוואַקסן, האָט זיין נייגיר פאַרכאַפּט דער ברייטער וועג, וועלכער לויפט אין די העטן צו דער גרויסער שטאָט — אויך דאָס שמאָלע סטעזשקעלע, וואָס פירט צו אַן אָפּגעלייגטן דאָרף. ווען דער ווינט האָט גע־בלאָזן אין זיין ריכטונג, פלעגט צו אים דערגיין דער דינער בים־באַם פון די קירכן גלאָקן, און מיט דער צייט האָט ער זיך אויס געלערנט זיי צו פאַרשטיין, צו באַנעמען זייער באַטייט. אַנדערש האָבן די גלאָקן געקלונגען אויף אַ תגא, אַנדערש אויף א חתונה און גאָר אַנדערש, טרויע־ריק און צעצויגן האָבן זיי געקלונגען אויף אַ „פּאָגזשעב״.

זעלטן ווען פלעגט פון ווייטן דאָרף דורכפאָרן א פורל מיט מענטשן — נישט אויף אַ חתונה און נישט אויף אַ לוויה. דאָס דאָרף איז געלעגן אין אַ זייט, ווי ס׳וואָלט גע־זאָגט צו דער וועלט: — איר לעבט זיך באַזונדער, מיר וועלן לעבן באַזונדער, אַזוי איז בעסער פאַר בײדע צדדים.

אויך דער ליפּעבוים האָט געלעבט איינזאַם — באַזונ־דער אין דער רחבות פון פוסטן פעלד, כאָטש דער שליאַך צו דער גרויסער שטאָט איז געווען אַ באַלעבטער. מענטשן האָבן געאיילט הין און צוריק פאַרטוענע אין זייערע מחש־בות, וואָס יעדער איינער האָט געהיטן נאָר פאַר זיך אַליין. אין דער פאַרטוענקייט זענען זיי אין די אויגן פון דעם ליפּע־בוים ענלעך געווען צו די קליינע מוראַשקעס, וואָס שמייען אַרום פאַרהאַוועטע, זוכנדיק זייער אויסקום. ס׳האָט זיך זעלטן געטראָפן אַז אימיצער זאָל זיך זעצן אין זיין שאָטן אויף אָפּרו. אָבער דאָס האָט אים נישט געקימערט. ער האָט זיך צוגעקוקט פונדערווייטנס צום געלויף פון די מענטשן און זיי נישט פאַרשטאַנען. וווּהין לויפן זיי?... זיי האָבן אוודאי נישט קיין וואָרצלען אין זייער געבוירן־אָרט, וואָס זאָלן זיי נערן און געבן די פרייד פון צוגעבונדנקייט. זוכן זיי, ווי וואַנדערנדיקע פייגל, אַ כאַפּ צו טאָן פון דאָ און דאָרט אַ קערנדל חיונה. דער ליפּעבוים האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געלעבט מיט דער זון, מיטן ווינט. ער האָט מיטגעלעבט מיט זיינע שוואַלבן, מיט די אינ־זעקטן און ערד־ווערעם. אין זיינע זקנהשע דמיונות האָט ער נישט געאַנט, אַז ער זאָל ווען עס איז זיין פאַרבונדן מיט מענטשן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ער וויגט זיך איצט אין ווינט א צעשפּאָלטענער אין צווייען. זומערצייט האָט אַ דונער אים געטראָפן און איצט קרעכצט ער אין ווינט ווי א זקן. דער ווינט רייסט בלאַט נאָך בלאַט פון זיין אַלטער, צעפּאַטלטער קרוין.

דער בוים שפּירט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. ביי א שטאַרקערן בלאָז פון האַרבסטווינט וועט ער פאַלן. ער איז פריי פון באַדויער — סוף כל סוף האָט ער לאַנג געלעבט און געהאַט פרײדיקע צייטן. ער וואָלט נאָר נישט וועלן בלייבן פאַרשעמט — זיין קרוין, וועלכע ער האָט מיט שטאָלץ געטראָגן, זאָל זיך נישט וואַלגערן אין פוסטן פעלד. ער האָט אויך באַדויערט די שוואַלבן, וואָס וועלן אין פרילינג אָנפליען צו זייערע נעסטן און זיי נישט געפי־נען

אַ טרייסט איז אים דאָך געבליבן: א ביסל ווייטער פון אים האָט פאַראַיאָרן פרילינג גענומען שפּראָצן א קליין ליפּעביימעלע. זיינע שוואַלבן וועלן אוודאי דאָרט בויען זייערע נעסטן. ער ווייסט נישט, דער איינזאַמער ליפּעבוים, צי ער וועט דאָס זוכה זיין צו זען — וויגט ער זיך אין האַרבסטיקן ווינט הין און הער — דער זקן.

---

## פאַרבייגייענדיק...

אויף איינעם פון די רעפעראַטן, וועלכע דער סאָוועטיש־יידישער דיכטער יוסף קערלער האָט געהאַלטן אין „קדי־מה״ וועגן די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין סאָוויעטן־רוסלאַנד — האָט מען — ווי די מאָדע איז — געפרעגט פראַגן. די פראַגן־שטעלער ווייסן דאָס רוב שוין דעם ענט־פער פון פריער — זיי ווילן „אַרויסרופן״ דעם רעדנער; אָדער אים „צושטיקן צום וואַנט״... ס׳שאַדט נישט אַמאָל צו געבן אַ געלעגנהייט נישט רעדנדיקע רעדנער אַרויס־צוזאָגן אַ פּערזענלעכע מיינונג.

אויף דעם דערמאָנטן רעפעראַט, האָט עמעצער צוגע־שיקט אַ צעטעלע מיט דער פראַגע: „צי וואָלט געווען מעג־לעך, אַז מיט צען יאָר צוריק וואָלט קערלער געהאַט אַ מעג־לעכקייט צו שטיין אויף די ברעטער פון קאַדימאַ און נישט ווערן אָנגערופן מיט די זעלבע נעמען ווי ווערגעליס ווערט איצט אָנגערופן?״

נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט דער פראַגע — האָט דער פאָרזיצער זי איינגעלייגט אין טאַש. האָט דאָך קער־לער זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן וועגן דער דיכטונג פון אשר שוואַרצמאַן אָדער דוד האָפשטיין — אפשר האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַ קאָמפּלימענט פאַר דער „קדימה״?

(סוף אויף זייט 18)

י. מ. לעווין

# דער איינזאמער בוים

(דערציילונג)

אין פוסטן פעלד, נאָענט צו אַ קרייצוועג, איינגעשניטן צווישן אַ ברייטן שליאַך, וואָס לויפט העט, העט אין דער גרויסער שטאָט אַריין, און אַ שמאָלן וועג וואָס פירט צו די שטרויענע דעכער פון אַן אָפּגעלייגטן דאָרף, איז אין האַרבסטיקן וועטער געשטאַנען אַן איינזאַמער ליפּעבוים.

הויך איבער זיין קאָפּ האָבן נעכטן די לעצטע שורה בוטשאַנעס די גרויקייט פון שפּעט־האַרבסטיקן הימל גע־שניטן. געגליטשט זיך גערוישלאָז פאָרויס און געוואָרפן אַ שאָטן פון אומעט אויף דעם לידיקן פעלד און אויף דעם איינזאַמען בוים.

דער בוים איז אַלט און קראַנק. ער האַלט זיך קוים, א צעשפּאָלטענער אין צווייען, מיט סמנים פון אַ פייער וואָס האָט אים פאַרשענדט, צוגערויבט ביי אים זיין שיינ־קייט. ביי יעדן שטאַרקערן בלאָז פון ווינט צעקרעכצט ער זיך מיט אַלע זיינע ווייטיקן. די געשפּאָלטענע קרוין שאָקלט זיך אין ווינט ווי א לולב, און דער צעשפּאָלטע־נער שטאָם פּרוווט אין אַ לעצטן אָנשטרענג צו זיין נאָכגיביק צום ווינט, כדי נישט צו ווערן אינגאַנצן איינ־געבראָכן.

דער איינזאַמער ליפּעבוים געדענקט נישט פון ווי פיל פייגל־אָפּפליען ער איז אַן עדות געווען, אָבער אין דער טיפעניש פון זיין בוימישן האַרץ גלימערט נאָך דער או־מעט פון זיין ערשטן האַרבסט, ווען ער איז נאָך געווען קליין און אומבאַהאָלפן ווי איצט.

דער ווינט, וואָס האָט אין פוסטן פעלד מיט מילד־קייט אים געגלעט און שקציש געפּיפן צווישן זיינע יונגע צווייגלעך אין זיין ערשטן פרילינג, האָט אין דעם ערשטן האַרבסט פון זיין לעבן, מיט רוגזה געשמיסן זיינע צווייגן און פון זיין קרוין די לעצטע האַרבסט־בלעטעלעך אָפּ־געפליקט. עס האָט זיך דעם שוואַכן ביימעלע אויסגעדוכט אַז ער וויל אים מיטן וואָרצל אַרויסרייסן, אַז דער ווינט שיפּעט מיט כעס: — דו קליינער גאָרנישט! — שטייסט מיר אין וועג, און שטערסט מיר מיינע פליגל אויסצו־שפּרייטן!...

שפּעטער זענען געקומען רעגנס, וואָס האָבן געצוואָגן און אויסגעוואַשן יעדעס צווייגעלע פון די אָנגעהויפטע שטויבעלעך ערד אָנגעיאָגטע פון ווינט.

נאָך שפּעטער זענען געקומען שנייען און האָבן דאָס ביימעלע געגומען באַשיטן מיט שיטערן פוך, איז אים געוואָרן וואַרעם און גוט. געפילט האָט דאָס קליינע לי־פּעביימעלע ווי די וואַרעמקייט פון שניי ווייל עס פאַרגי־טיקן תּאַר די בייזע, קאַלטע שמיץ פון רוגזהדיקן האַרבסט־ווינט.

נאָך די שנייען האָבן זיך געשטעלט ווייסע, נשמהלאָזע קרירות. דאָס ביימעלע האָט זיך איינגעקאָרטשעט און גע־צויגן מיט די דינע וואָרצלען טיפער, טיפער, כדי אין שלאָף זיך צוטוליען צו מאַמע־ערד. דורכן גלאָזיקן, קריש־טאַלענעם, פינקלדיקן פוך האָט עס מיט פּיטשינקע אייגע־לעך געקוקט אויף דעם ווייסן פעלד צו די ווייטע האָ־ריזאָנטן, פאַרנעפּלטע מיט פראָסטיקן אָטעם, עס האָט אָפּגעוואָרט דעם ערשטן שפּראָץ פון דער פרילינג־זון. אַרום און אַרום איז געשטאַנען אַ פאַרטייעטע שטילקייט, ווי דער באַשאַף וואָלט איינגעהאַלטן זיין אָטעם... פון צייט צו צייט האָט עס אין יונגע צווייגעלעך דערהערט דעם קנאַק פון וואַקסן... דאָס האָט דעם ליפּע ביימל ווי יעדע נייע זאַך — אמוזירט און געשראָקן.

אין די פרילינגס, מיטן אָנפלי פון די בוטשאַנעס, שוואַלבן און אַנדערע מינים פייגל האָט דער בוים אויפ־געלעבט. עס האָט אים פאַרווילט דאָס פּישטשעריי און געפלאַטער פון די פייגל; דאָס זשומעריי פון די אינזעקטן, דאָס קריכן אַרום אים פון פאַרשידענע ערד־ווערעם, וואָס האָבן אויסגעזען נישטיק קליין. נאָך אַן אָפּפרישנדיקן רעגן, ווען יעדעס גרעזעלע גלאַנצט, בלישטשעט מיט באַ־נייטקייט און די לופט איז דורכזיכטיק ווי געשליפן גלאָז, פלעגט ער וועלן זיך אַ ריס טאָן פון אָרט און אַ לויף טאָן אין די ווייטן... האָבן זיינע וואָרצלען אים דערמאָנט: — שטיי!... לויף נישט!... דו ביסט ביי אונדז אַ געפאַנגענער... פלעגט זיך זיין קרוין גילדן מיט האָפענונג אין יונג־גאָלד פון אויפגאַנג אין די פאַרנאַכטן.

דער ליפּעבוים איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צום סוד פון זיין שיינקייט, ווייל ער איז נישט געוואָקסן לעבן אַ וואַסער, אין וועלכן ער וואָלט געקאָנט זען זיין אָפּשפּיג־לונג. ער האָט אויך וועגן דעם קיינמאָל נישט געטראַכט. נאָר אין די פרילינג־נעכט, ווען ער איז געווען אין צוויט און געשטאַנען איינגעטונקען אינעם בלייכן זילבער פון דער יונגער לבנה ווי א כלה אין איר חופּה־טאָג האָט זיין מילדע שיינקייט געזונגען אין אים דאָס ליד פון געפעלן ווערן.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָבן זיך צו אים דערטראָגן התפעלותדיקע אויסרופן פון פאַרבייפאָרער:

— זע, אין מיטן פעלד אַ זילבערנער פלאַם!...

— ער זעט אויס ווי ער וואָלט געשוועבט איבער דער ערד!...

— דאָס איז נישט קיין פשוטער בוים, ס'איז מסתמא עפּעס העכערס...

איז דער ליפּעבוים געשטאַנען שטיל און קוים גע־שורשעט מיט די צווייגעלעך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דער כישופדיקער זיוויג פון יונגן צוויט מיט דער יונ־גער לבנה זאָלן נישט צערונען ווערן אין דער נאַכט.

די קורצע זומערנעכט פלעגט ער אַדורכדרימלען אויף איין פוס. ער האָט געוואָלט אָפּכאַפּן די צייט פון דעם לאַנגן ווינטער. צו טאָן איז געווען אַ סך. דאָ נאָך אַ בלעטעלע זאָל באַדעקן די יונגע נעסט, דאָרט אַ וואָרצל זאָל שיצן אַן ערד־וואָרעם. דער ליפּעבוים האָט נישט געוווסט וואָס עס הייסט לעבן נאָר פאַר זיך.

ער האָט נישט געקענט זיין אָפּשטאָם. האָט אים אַ מענטשלעכע האַנט פאַרפלאַנצט און געלאָזן אים צו אַ

דעם יחיד און סיי דעם ציבור — אויף אונדזער אייגענעם פלאַנעט, און ער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ פיינע, אַ ניו־אַנסירטע סענסיטיווקייט פאַרן צער און פאַר דער פרייד פון דעם בן־אדם, פאַר די טרערן און די האָפענונגען פון זיינע שוועסטער און ברידער ביי אַלע אומות און אין אַלע חדרים און אפילו ווינקלען פון דעם הויז פון אונדזער וועלט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איינשטיין האָט פאַרנומען די שטים פון דער וויסנשאַפט און ס'איז פאַר אים געווען וויכטיק וואָס די וויסנשאַפט דערציילט אונדז וועגן דעם הויז פון דער וועלט — וועגן דער נאַטור. ס'איז אָבער געווען פאַר אים פונקט אַזוי וויכטיק צו דערשפירן, אַז אין דעם סאַמע יסוד פון דער וועלט און אויך אין דעם האַרץ פון דער וועלט איז דאָ אַ קדשי־קדשים און, אַז ס'איז פאַראַן אַ נאָמען פאַר דעם — יושר, חסד, גערעכ־טיקייט. און אַז ער האָט געוואָלט איבערגעבן בצמצום דעם זין פון יהדות — אָדער ידישקייט — האָט ער זיך ניט געווענדט צו דער טעאָלאָגיע אָדער אפילו צו דער רעלי־גיעזער פילאָסאָפיע, נאָר דווקא צום היסטאָרישן גורל און גאַנג פון די וואָס האָבן געלעבט און געליטן און זיך גע־לייטערט מיט ידישקייט און וואָס ס'איז פאַר זיי געווען אַ קאָנקרעט־ציטערדיקע דערפאַרונג און אַן אוממיטלבאַרע דערקענטעניש.

וואָס־זשע איז פאַר איינשטיינען אַזוינס געווען אָט־דער זין פון ידישקייט? צוויי גרונט־שטריכן האָט ער דער־בליקט אין ידישקייט: ראשית, אַ בונד, אַ ברית מיט אי־דעאַל פון גערעכטיקייט, ניט קיין אַבסטראַקטער און ניט קיין סענטימענטאַלער. נאָר אַזאַ וואָס איז מחייב מצוות מעשיות, און וואָס עס הערט זיך אין אים אַלע מאָל דער אָפקלאַנג פון אברהמס פראַגע — „השופט כל הארץ לא יעשה משפט" (וועט דען דער ריכטער פון דער גאַנצער וועלט ניט טאָן גערעכטיקייט?): והשנית, דער דרך־ארץ פאַר תורה לשמה, דער חשק צו לערנען, דער יראת־הכבוד פאַר די ווערטן פון גייסט. נו, געוויס שעפּט זיך ידישקייט ניט אויס מיט אָט צוויי גרונט־שטריכן, און זיכער איז ניט מעגלעך צו קאָנצענטרירן דעם תמצית און תוכן פון ידישקייט אין אַ קורצער שילדערונג. אָבער וואָס אַזוינס ידישקייט זאָל ניט זיין, איז עס אויך דאָס וואָס איינשטיין זעט אין דעם און אפשר איז טאַקע אָט־דאָס די קרוין פון ידישקייט.

— III —

דער יושר־אידעאַל איז פּילאַרטיק און פאַרצווייגט און איז חל אויף אַ סך געביטן — עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע; ער איז דאָ אין דעם קאַמף פאַר ברויט און פאַר פרייהייט, אין דעם באַגער צו גלייכהייט און צום אייביקן שלום; ער באַגייסטערט די וואָס שטעלן זיך איין פאַר דער חשיבות פון דעם מענטשן און וואָס זענען שונ־אים פון קנעכטשאַפט און אומגערעכטיקייט. לויט זיין טבע איז איינשטיין געווען שטיל און שעמעוודיק, מיט אַלע חנען פון אַן עכטער עניוות, און דאָך איז ער אַלעמאָל געווען גרייט ביז מסירת־נפש ארויסצושרייען זיין ניין קעגן יעדן אויסדרוק פון רשעות, קעגן יעדן פאַרמעסט אויסצולעשן אין דעם מענטשן דעם צלם אלקים. און ס'איז תמיד געווען אַן ערלעכער אָפּרוף ממעמקים, פון די טיפענישן פון דער נשמה. איינשטיין האָט געמאַכט טעותן; ניט תמיד האָט ער זיך ריכטיק אָריענטירט אין אַזעלכע ענינים; עס זענען געווען פאַלן ווען די ספּעציפישע אומשטענדן, וואָס האָבן אים אָנגערעגט צו פּראָטעסטירן זענען געווען מטושטש, מיט פּגימות, און ער האָט דאָס ניט גענוי פאַרשטאַנען, די כוונה איז ביי אים אַלע מאָל געווען אַ ריינע, אַ זויבערע, און ס'איז אַלעמאָל געווען לשם שמים — ס'איז אַלע מאָל געווען צוליב דער שלימות און פרייהייט פון געוויסן, צו־ליב די ווערטן און געזעלשאַפטלעכער אויטאָנאָמיע פון גייסט. ער האָט געמאַכט טעותן אין באַשטימטע סיטו־אַציעס, אָבער קיינמאָל ניט בנוגע דעם פּרינציפּ, לויט וועלכן ער האָט געהאַנדלט. איינשטיינס טעותן זענען געווען קליין און אומבאַדייטנדיק לגבי זיין הייליקער און תמימות־דיקער געטריישאַפט צום אמת, צום פּרינציפּ פון דער חשיבות פון דעם מענטשן און פון אויפריכטיקער אַכטונג פאַרן גייסט אין דעם מענטשן.. ס'איז דעריבער ניט קיין חידוש וואָס אויף וויפל איינשטיין האָט געהאַט אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן אני־מאמין, איז ער געווען אין דער בחינה פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם — פון אַ סאָציאַליזם אָן קייטן, אָן צוואַנג, אָן „גלייכהייט אין אומגלייכהייט".

ס'איז ניט אויסצומיידן דעם טויט און ער איז דאָך סוף־כל־סוף דער באַגלייטער פון יעדן בעל־חי. די טעג פון אונדזער לעבן פאַלן דאָך טאָג־איין און טאָג־אויס ווי די בלעטער פון אַ בוים אין די מעלאַנכאָלישע חדשים פון האַרבסט. מיר קלייבן בלומען אין דער פרי און עס טוט אונדז ווי וואָס זיי וועלן גאָר פאַרוועלקן איידער די זון וועט פאַרגיין. און די ווירקלעכקייט איז פאַרט אַזאַ, אַז מיר וואָס קלייבן די בלומען און טרויערן וואָס זיי איז באַשערט בלויז עטלעכע שעה, — אַז מיר פאַרוועלקן דאָך כמעט אַזוי גיך און אַזוי ענדגילטיק ווי די בלומען. איינ־שטיינס גוף איז איצט אַש און זיין מאַרך געפינט זיך אין אַ ביאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע אויף צו שטודירן. אָבער איינשטיינס גייסט און נשמה און רעיונות זענען אומ־שטערבלעך, אויף אַזוי פיל אומשטערבלעך, ווי עס זענען די וויסנשאַפטלעכע אַנטפּלעקונגען זיינע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן ווי אַ ירושה אויף דור־דורות. איינשטיינען וועט מען געדענקען ווי איינעם וואָס אין אים האָבן זיך אָרקעסטרירט אין איין וואונדערלעכן ניגון די גאונות פון גרויסקייט און די מידה פון גוטסקייט.

---

## ווערט אַ מיטגליד

## פון דער „קדימה"!

---

(צוגעשיקט פון מחבר)

דר. עזריאל נאַקס

# איינשטיין — זיין יידישער שורש

(צום הונדערטסטן געבוירן־יאָר)

— I —

איינשטיינס ריזיקע דערגרייכונגען אין דער ממשלה פון וויסנשאַפט זענען שוין כמעט לעגענדע. און ס'איז קיין ווונדער ניט: ער האָט דאָך באַלויכטן די פיזישע וועלט, די וועלט פון דער נאַטור, מיט אַזאַ מין העלקייט, ווי זעלטן־ווער פאַר אים האָט עס געטאָן אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט. איינשטיין געהערט בלי שום פסק, אין דער געהויבענער געזעלשאַפט פון אזעלכע יחידי סגולה אין דער וויסנשאַפט ווי ארכימעד, קאָפּערניקוס, גאַליליי, ניומאַן. וועגן ניומאַנען פלעגט מען זאָגן: דער רבונו־של־עולם האָט באַשאַפן די וועלט, אָבער ניומאַן איז געווען דער, וועלכער האָט דערקלערט, וואָס פאַר אַ וועלט דאָס איז. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז וועגן איינשטיינען וועט מען זאָגן: דער אויבערשטער האָט אפשר יאָ באַשאַפן די וועלט און אפשר ניט. אָבער איינשטיין האָט אין איר דער־בליקט — נאָך אין אַ גרעסערער מאָס און אין אַ טיפערן זין ווי ניומאַן — אַ סדר און אַ סימעטריע, אַן אימאַנענטע לאָגיק און אַ ריטעם, אַ האַרמאָנישקייט און אַ פורעם, וואָס טראָגן אין זיך דעם סימן פון געטלעכקייט, וואָס אויך אין דעם איז דאָ דער צלם אלקים.

איינשטיין איז געווען פאַליבט אין ספינאָזען. לויט זיין געמיט און לויט זיין מחשבה, איז ספינאָזע אים געווען דער נאָענטסטער און אינטימסטער צווישן די דענקער, די בערג־שפּיצן אין דער פילאָסאָפיע. ספינאָזאַ איז עס געווען דער וואָס האָט געשילדערט דעם סדר, די סימעטריע און די געזעצן פון דער נאַטור ווי דער סאַמע עצם און תמצית פון גאָט, נישט אָפּצוטיילן פון אים. און ס'איז געווען אַ ספּי־נאָזיסטישער חזיון, וואָס איינשטיין האָט אַזוי צמצומדיק פאָרמולירט אין זיינער אַ באַרימטער באַמערקונג: „איך גלויב ניט, אַז די וועלט איז ביי גאָט אַ ווערפל־שפּיל". בכן האָט איינשטיין זיך אָפּגעשיידט פון די, וואָס צווייפלען אין דער אמתדיקייט און אָביעקטיווקייט פון דעם קויזאַליטעט־פּרינציפּ און זענען נוטה אים צו באַטראַכטן ווי אַ פּראָ־דוקט פון געוווינהייט, צי פון א מנהג אָדער ווי אַ שיינע פאַנטאַזיע אָדער, אין בעסטן פאַל, ווי אַ סטאַטיסטישן דורכשניט. און אין משך פון די לעצטע פאָר צענדליק יאָר פון זיין לעבן האָט זיך איינשטיין גע'עסקט מיט דער „איינהייטלעכער פעלד־טעאָריע", מיטן פּרווו אָנצוצייכענען אַ כוללדיקן נאַטור־געזעץ, וואָס זאָל אַרומנעמען דעם גאַנצן פיזישן אוניווערז.

די תשוקה, די בענקשאַפט, נאָך האַרמאָנישקייט און פולקאָמענקייט, איז געווען ביי איינשטיינען אַ מעכטיקער אימפּולס, אַזאַ דראַנג, וואָס האָט אריבערגעשוועבט די גרענעצן פון ריינער וויסנשאַפט. ס'איז געווען א תשוקה, וואָס האָט געוואָרצלט אין אַ רעליגיעזער עמפּינדלעכקייט, און איר שורש איז געווען נביאיש־יידיש. די פּרעכטיקע און גראַנדיעזע דראַמע פון דעם וועלט־באַשאַף, פון דער יצירה, פון דעם ששת ימי בראשית, וואָס וויקלט זיך פונאַנדער אין דער סאַמע ערשטער פרשה פון חומש, איז דאָך אַ דראַמע וועגן דעם ווי קאָסמישער תוהו ובוהו — כאַאָס און אומאָרדענונג — ווערט אזוי קינסטלעריש־עפּיש פאַרוואַנדלט אין סדר און סימעטריע, מיט אַ טאָלק און אַ זין: „יהי אור". אויף זיין אייגענעם שטייגער האָט דאָך אויך איינשטיין באַשטעטיקט, אַז ליכט איז דער „קאָנ־סטאַנט", דער דויערנדיקער און שטאַנדהאַפטיקער „עפּעס" אין דעם אוניווערז, דער דינער, דער צאַרט־איידעלער און תמיד־באַוועגלעכער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט און פאַר'חבר'ט אַלצדינג וואָס ס'איז דאָ אין דער וועלט. אין דער פונדאַמענטאַלער ברודערשאַפט פון „זיין", פון „פאַ־ראַנענקייט". איינשטיינס פאָרמולע, וואָס דאָס איז דער פּראָלאָג צו דער אַטאָמישער עפּאָכע, לייענט זיך E=MC²
און דער „ע" איז דער ערשטער אות פון דעם וואָרט ענערגיע, דער „מ" איז דער ערשטער אות פון דעם וואָרט מאַסע, וואָג, אָבער דער „ק" איז דער ערשטער אות פון דעם וואָרט קאָנסטאַנט, וואָס איז ליכט.

— II —

יידישקייט, ווי אַן אמונה, איז ניט אין תוך מעטאַפיזיש, אָבער אויף וויפיל ס'איז יאָ מעטאַפיזיש, איז עס דאָ אין דעם עיקר־העיקרים פון יהדות: שמע ישראל, אדושם אלקנו אדושם אחד. און דער שם המפורש, וואָס קיינער ווייסט ניט וואָס עס איז, באַשטייט פון די פיר אותיות — יהוה — וואָס זענען דאָ אין די דריי ווערטער: געווען, איז, וועט זיין: היה, הוה יהיה. דער יידישער גאָט, דער אחד, איז מער ווי ספּינאָזאַס נאַטורא נאַטוראַנס און איז מער ווי „קאָנסטאַנט", וואָס איז ליכט, אָבער ער איז דאָס אויך. איינשטיינס שטרעבן צו דערגרייכן אַן „איינ־הייטלעכע פעלד־טעאָריע" געהערט צו דער וויסנשאַפט, און זיינע השערות טראָגן אויף זיך דעם חותם פון מאַטע־מאַטישער פיזיק, אָבער דער מקור זייערער איז ערגעץ־ווו אין יהדות

איינשטיינס גרויסקייט אין דעם קיניגרייך פון וויסנ־שאַפט איז באַשיימפערלעך. איינשטיין האָט אויך נישט פאַרשעמט דעם מענטשן אין זיך — זיין הערלעכקייט אין דעם קיניגרייך פון גייסט איז געווען גאָר בולט. די פיזישע וועלט איז ביי אים געלעגן, אַזוי צו זאָגן, אויף דער פלאַך פון דער האַנט. ער האָט אָבער ניט פאַרמאַכט די אויגן און האָט ניט פאַרקוקט דעם מענטשן — סיי

ספקות הייבן זיי אָן פייניקן און מאַטערן, וואַרעמען זיי זיך נאָך אַלץ און שעפּן דערמוטיקונג פון געוויזענע טעג וואָס האָבן געשטראַלט מיט עכט יידיש לעבן און שאַפן.

וואָס פאַר אַ נייע יידישע סביבה האָט די יוגנט דאָ, אין דער נייער היים, געפּרוּווט שאַפן? וואָס פאַר אַ נייע קולטור־ווערטן האָט זי אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן? וואָס האָבן די נייע גענעראַציעס, וועלכע האַלטן אין איין שרייען און איבערחזרן, אַז די אַלטע היים מיט איר יידיש קולטור־לעבן, לעבנס־שטייגער און יידישקייט־אידעאַלן זענען אַן ענין פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז שוין פאַרשוווּנדן, וואָס האָט זי אויפגעבויט אויף דער נייער ערד, אין דער נייער היים? וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס האָט זי געשאַפן, צוגעפּאַסטע צו די נייע געענדערטע לעבנס־באַדינגונגען? עס איז דאָך קלאָר פאַר יעדן איינעם, אַז ספּאָרט־צענטערן שאַפן נישט קיין געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע אַטמאָספער, בפרט נאָך אַזעלכע ספּאָרט־צענטערן, ווו די אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַכן זענען קוים איינגעבעטענע געסט.

מיר מיינען דאָ נישט אויסצושטעלן באַשולדיקונגס־אַקטן קעגן דער יוגנט, חלילה, מיר באַרירן בלויז טרויעריקע פאַקטן פון דער היינטיקער יידישער ווירקלעכקייט, פאַקטן וואָס מען דאַרף וויסן, פאַרשטיין און מאַכן די געהעריקע אויספירן. און דעם ערשטן וויכטיקסטן אויספיר וואָס מיר דאַרפן מאַכן איז, אַז מיר קענען פון זיך נישט אַראָפּנעמען דעם עול און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר שטאַרקן און באַפעסטיקן יידיש לעבן און איבערגעבן דאָס דער יוגנט, אַז זי זאָל עס מאַכן, ווייל זיי זענען עס די מכלומרשטע רעפּרעזענטאַנטן פון דער צוקונפט און אויף זיי שטייט די וועלט.

און ווידער אַמאָל פרעגן מיר, צי איז אונדזער היינטיקע יוגנט בכוח און באַרופן אָנצופירן און אָרגאַניזירן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־נאַציאָנאַלע לעבן? זעלטן ווען אין אונדזער געשיכטע האָט זיך געפאָדערט פון יידישער פירערשאַפט אַזוי פיל נאַציאָנאַלע ענערגיע, געדולד, אויסדויער און קרבנות־גרייטקייט, ווי היינט. בקיצור, דער וויכטיקסטער שריט צו יידישקייט איז אָפּזאָגן זיך פון ווועלן האָבן אַ גרינג לעבן. צום גרעסטן באַדויערן האָט זיך אונדזער יוגנט צוגעוווינט צו אַ גרינג לעבן און עס איז נישט קיין צופאַל וואָס די ערשטע מתנה, מיט וועלכער זיי האָבן אונדז מהנה געווען גלייך ביים אַרויסטרעטן אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע איז געווען פרעמדשפּראַכיקייט, וואָס איז די ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד.

די לייכטקייט און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, מיט וועלכע זיי האָבן דאָס געמאַכט האָט גאַנץ קלאָר באַוויזן, אַז זיי האָבן זיך אפילו נישט ערנסט פאַרטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי מען קען זיך דערנענטערן צו יידישקייט, צו יידיש לעבן, ווי אַזוי מען קען צוגיין צו יידן, דערפילן יידן און פאַרשטיין יידן.

פאַרוואָס נישט שפּאַניש (אָדער ענגליש — רעד.) וואָס אַלע פאַרשטייען אַזוי לייכט? פרעגן זיי בתמימות. אָט די לייכטקייט וואָס מען זוכט אין אונדזער אומגליק. ווייל צום אמתן תוך פון לעבן פון אַ פאָלק קען מען זיך דערנענטערן און דערגייען נאָך דורך זיין פאָלקס־שפּראַך. אוודאי קען מען צו אַלע יידישקייטס־געביטן צוקומען דורך אַלע שפּראַכן. דער תנ"ך איז איבערגעזעצט אין אַ סך צענדליקער שפּראַכן, אָבער פאַר אַ ייד אין דער עכטסטער און ריכטיקסטער וועג צום תנ"ך — העברעיש. און דער צוגאַנג צו יידיש לעבן, צו זיינע תמציתדיקע שעפערישע כוחות, צו זיין אייגנאַרטיקער פאָלקסטימלעכקייט, צו זיין לעבנס־מאָראַל און לעבנס־חכמה, צו זיין צער און הומאָר, געדולד און אויסדויער; דאָס דערנענטערן זיך באמת און אינטים צו אָט די אַלע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן און כוחות, וואָס עס האָט זיך געשאַפן, כדי צו דערהאַלטן זיך אין זיינע געשיכטלעכע קאַמפן און ראַנגלענישן, איז מעגלעך נאָר דורך יידיש.

★

אונדזער יוגנט גייט נאָך דערווייל מיט גרינגע טריט. זי וויל ניט וויסן, אַז לעבן מיט יידישקייט, מיט אַן אַקטיוו שעפעריש יידיש לעבן, מיינט אָפּזאָגן זיך פון ווועלן גרינג לעבן, לעבן ווי עס לאָזט זיך. און דעריבער, לאָמיר זיך נישט נאַרן, פון דער יוגנט אַליין וועט די ישועה פאַר אונדזער יידישן לעבן דאָ נישט קומען און לאָמיר געדענקען דעם קלוגן זאָג: אם אין אני לי מי לי... אויב מיר וועלן אַליין ניט פירן עקשנותדיק אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, וועט עס די יוגנט אוודאי און אוודאי נישט טאָן.

---

## „קדימה"־נייעס

אין די נאָענטסטע וואָכן גרייט זיך די „קדימה" דורכצופירן די 68טע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

אין משך פון איר עקזיסטענץ (זינט 1911) שטייט די „קדימה" מיטן פנים צו דער יידישער ווירקלעכקייט און רעאַגירט אויף געשעענישן אין יידישן לעבן. אין משך פון די יאָרן האָט די „קדימה" אויסגעפירט אַ וויכטיקע פונקציע אין יידישן קולטור־לעבן פון היגן ישוב. זי שטייט אין צענטער פון אַלע קולטור־געשעענישן אין יידישן לעבן. מיט דער הילף פון „קדימה" — איר סעקרעטאַריאַט און איר פאָרזיצער איז געשאַפן געוואָרן די איניציאַטיוו־קאָמיסיע, צוצוגרייטן און פאָפּולאַריזירן די יידיש־קאָנפערענץ אין ירושלים, אויגוסט 1976, און שפּעטער ביים גרינדן דעם לאַנדראַט פאַר יידישער קולטור. די „קדימה" באַמיט זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן אריינצוציען אין איר אויסווירקונג און טעטיקייטס־ספערע די ניי־געקומענע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד. די שוועריקייטן זענען קודם־כל — שפּראַכלעכע. אַ פריינדלעכער קאָנטאַקט איז איינגעשטעלט געוואָרן.

עס ווערן געמאַכט באַמיאונגען פאַרן קולטור־סעזאָן אַראָפּצוברענגען אַ רעזשיסאָר פאַרן דוד הערמאַן טעאַטער — אָדער אַ יונגן פּראָפעסאָר פון קאַנאַדע, וואָס וועט דערמעגלעכן די יידישע קולטור אריינצופירן אין די קרייזן פון אוניווערסיטעט־סטודענטן.

די פרוי גערטרוד מאַרגאַרעט דזשעקסאָן, וואָס איז געשטאָרבן דעם 1טן יוני 1978, האָט איבערגעלאָזט אין איר צוואה די סומע פון 2000 דאָלאַר פאַר דער „קדימה".

י. ראַטנבערג

# ווי אַזוי קען קומען די ישועה?

מיר האָבן שוין מערערע מאָל באַרירט די פּראַגע פון אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן און די ראָל פון דער יוגנט; אונדזערע האָפענונגען און דערוואַרטונגען.

ווייזט אויס, אַז אויך אַנדערע יידישע ישובים ראַנגלען זיך מיט דעם פּראָבלעם.

אין מעקסיקאַנער זשורנאַל „פאַרויס" האָט דער באַ־קאַנטער פּעדאַגאָג און געזעלשאַפטלעכער טוער יוסף ראַטנבערג פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, וועלכן מיר ברענ־גען געקירצט, אַרויסלאָזנדיק די ספּעציפיש־מעקסיקאַנער פּראָבלעמען.

**רעדאַקציע**

„יידיש לעבן מאַכט אַדורך אַ טיפן און שאַרפן קריזיס, די אַסימילאַציע גרייפט אָן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און דער נאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד ווערט אַלץ שוואַכער, ווער ווייסט, ווי לאַנג מיר וועלן נאָך אָנהאַלטן"?!... אָט דעם אל מלא רחמים הערן מיר אין די לעצטע יאָרן אַלץ אָפטער און אָפטער. אָט די דאָזיקע פּעסימיסטישע, כמעט רעזיגנאַציע שטימונג האָט שוין אויך באַהערשט די ערנס־טערע ציוניסטישע קרייזן, וואָס די ווירקלעכקייט פון יידישן לעבן אין די תפוצות היינט־צו־טאָג, נאָך יאָרן עק־זיסטענץ פון דער יידישער מדינה, האָט זיי איבערצייגט, אַז די מדינה, ווי אַזעלכע, האָט קנאַפּ — וואָס מיטגע־ווירקט צו שטאַרקן דאָס יידישע לעבן, צו דערהייבן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, צו פאַרטיפן דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסט־געפיל ביי דער יוגנט, ביי די יינגערע גענעראַ־ציעס.

דער דערמאָנטער פּעסימיזם קומט צום אויסדרוק אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פאַרשידנאַרטיק: אַ טייל זענען געוואָרן אין גאַנצן אַפּאַטיש און אינדיפערענט צום יידישן לעבן און טראַכטן זיך: מילא, וואָס קען מען טאָן?... אַנדערע זענען אַריינגעפאלן אין אַ פולשטענדיקן פּעסי־מיזם און רעזיגנאַציע און פאַרזיכערן זיך אַליין און אויך אַנדערע, אז „מיר זענען די לעצטע יידישע מאָהיקאַנער"... אַז נאָך אונדז וועט קומען דער אמתער מבול פון אַסימי־לאַציע און שמד.

עס זענען אויך פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן נאָך נישט רעזיגנירט, זיי גלייבן נאָך און ווילן נאָך אויפהאַלטן יידיש לעבן, אָבער די אַרבעט און אָנשטרענגונג דערצו זאָל געטאָן ווערן דורך אַנדערע, דורך די נייע גענעראַציעס... צי גלייבן זיי טאַקע באמת, אַז די ישועה קען קומען בלויז פון די נייע גענעראַציעס, צי איז עס בלויז זעלבסטנאַרעריי און אַ מין רעזיגנאַציע מיט אַן אויסרייד צו פאַרשטעלן די אייגענע מאַכטלאָזיקייט? דאָס טאַקע ווילן מיר פּרוּוון דאָ קלאָר מאַכן.

עס איז, דאַכט זיך, זעלטן געווען אַ פאַל, אַזאַ מין פּרע־צעדענט, אין דער אַלגעמיינער, ווי אויך אין דער יידי־שער געשיכטע, אַז דער עלטערער דור זאָל איבערגעבן די קולטור־ירושה די נייע גענעראַציעס ביים לעבן, ווי צו זאָגן: נאָט, נעמט איבער די פירערשאַפט, איר זענט יונג, מאָדערן און צוגעפּאַסט פאַר דער נייער צייט, מיר האָבן שוין אונדזערס אָפּגעלעבט און קענען נישט מער. אין דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווערט געוויינלעך די יוגנט אריינגעצויגן אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן דורך קאָאָפּעראַציע און נישט דורך איזאָ־לאַציע און סעפּאַראַציע פון יונגן דור; אין די ראַמען פון דער קאָאָפּעראַציע קענען פאָרקומען, און עס קומען פאָר, שאַרפע אידעאָלאָגישע קאַמפן. די יוגנט ניט זייענדיק אַזוי שטאַרק אונטערן דרוק פון דער אינערציע פון דער פאַר־גאַנגענהייט, דערפילט גיכער און רעאַגירט שטאַרקער אויף די געענדערטע לעבנס־באַדינגונגען און די נייע שטימונגען, פּראָבלעמען און אידייען, וואָס זיי ברענגען מיט זיך. די דאָזיקע אידעאָלאָגישע קאַמפן זענען אָפּטמאָל זייער שאַרפע און זיי דערפירן צו דעם עקסטרעמסטן אַנטאַ־גאָניזם; עס האָט, אָבער, זעלטן געפעלט אין די דאָזיקע קאַמפן די קעגנזייטיקע אַכטונג, די אַכטונג צו אַ קעגנער וואָס האָט אַ טיפן און אויפריכטיקן גלויבן אין די אי־דייען פאַר וועלכע ער קעמפט.

ווער און וואָס איז אונדזער היינטיקע יוגנט, די אַזוי גערופענע נייע גענעראַציעס? דער זון איז יונגער פון טאַטן, ער איז פיזיש פרישער און געזונטער, אָבער אידעאָלאָגיש און עמאָציאָנעל אין ברייטערן זין פון דעם באַגריף, איז ער אַ סך אָפּגעשטאַנענער פון טאַטן. דער טאַטע טראָגט נאָך אין זיך טיפע שפּורן פון אַן אייגענער פאָלקס־קולטור, פון אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אָנגעפילט געווען מיט אַ גלויבן, מיט אַ לעבנס־שטייגער, מיט טראַדיציעס, מיט אַ דערהויבן און ריין משפחה־לעבן, מיט קאַמפן און ליידן, מיט אומרואיקייט און צער, מיט גאולה־טרוימען און האָפענונגען.

מיט וואָס קומט אונדזער היינטיקע יוגנט? צי האָבן מיר אַ מאַסן־עליה פון ציוניסטישער יוגנט קיין ישראל צו העלפן בויען דאָס לאַנד? צי האָבן מיר אַ סאָציאַליסטישע יוגנט, וואָס זאָל זיך כאָטש טיילווייז אָפּנייגן פון זייערע קאַר־יערעס און אריינוואַרפן זיך אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן און ווו איז אַ פאָלקס־יוגנט, וואָס זאָל זיך בלב ונפש אידענטיפיצירן מיטן פאָלק, מיט זיין קולטור־לעבן און שאַפן, וואָס זאָל זיך וועלן דערנענטערן צו די קוואַלן פון פאָלקס־לעבן?!

די טאַטעס, די עלטערע גענעראַציעס, האָבן געשפּאַנט און געוואַנדערט איבער ימים, אָרעמע און עלנדע, זיי האָבן אָבער אין האַרצן און אין דער נשמה מיטגעבראַכט רייכע קולטור־ווערטן און גייסטיק־מאָראַלישע אוצרות, וואָס זיי האָבן געפּרוּווט פאַרפלאַנצן אין די נייע היימען. אין שווע־רע לעבנס־מאָמענטן, ווען אַ טיפער אומעט און שווערע

(אָפּיציעל) נישט פֿאַרעפֿנטלעכטן ראַפּאָרט פֿון אליהו בן אלישר צילט ישראל צו עטאַבלירן אַן עפֿעקטיווע ישר־אלדיקע אַנטוועזנהייט אין די נישט באַוווינטע, אָבער מיליטעריש וויכטיקע געגנטן און בערג. ישראלדיקע ישו־בים און מיליטערישע באַזעס וועלן אַרומרינגלען די שטאַרק באַוווינטע אַראַבישע געגנטן. דער אליהו בן אלי־שר פּראָיעקט זעט פֿאָר די ישראלדיקע יוריסדיקציע איבער די יידישע ישובים אין אַלע פֿראַגן, וואָס זענען נוגע דער יידישער באַפֿעלקערונג אין די אויטאָנאָמישע שטחים.

דער הויפּט ציל פֿון דעם פּראָיעקט איז וואַרשיינלעך צו פֿאַרזיכערן, אַז די יידישע ישובים וועלן שאַפֿן די נייע גרענעצן צווישן ישראל און פּאַלעסטין צום סוף פֿון דעם פֿינף יאָריקן איבערגאַנגס פּעריאָד. דאָס איז אויך די סיבה, פֿאַרוואָס ישראל וועט קאָנטינואירן די פּאָליטיק פֿון נייע ישובים אונטער אַלע באַדינגונגען נישט קוקנדיק אויף די פּראָטעסטן פֿון אַמעריקע, מצרים און דער גאַנצער וועלט.

אגב גלויב איך, אַז דעם גרעסטן פֿעלער מאַכט דער פּרעמיער מיניסטער בעגין, ווען ער ווענדט זיך צו אַ מאַטעריאַליסטישער און אומפֿאַרשעמטער וועלט מיט די רייד פֿון אַ רעליגיעזן קנאי וועגן די רעכט פֿון די יידן צו ארץ ישראל, געשטיצט אויף תורת משה און געשיכטע... די הייַנטיקע רעאַל־פּאָליטישע שפּראַך איז זיכערקייט, און דער אַבסאָלוטער ווילן צו דערגרייכן די דאָזיקע זי־כערקייט... אין דעם הינזיכט קאָן זיך ישראל שטיצן אויף דעם קעמפּ דייוויד אָפּמאַך(סעקציע אַ, פּאַראַגראַף אַ): „די נייע אַראַנזשירונגען וועלן נעמען אין באַטראַכט די לע־גיטימע זיכערקייטס זאָרגן פֿון די צדדים”.

דער עגיפּטישער פֿאָרשלאָג שטעלט זיך אין היפּוך צו דעם ישראלדיקן. לויט דעם מצרישן פֿאָרשלאָג איז די זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אַ מלוכה אונטערוועגס און סאַדאַט בלאָפֿט נישט, ווען ער טוט פֿאַרבינדן דעם מצריש־ישראל־דיקן שלום מיט דעם אויסגאַנג פֿון די אונטערהאַנדלונגען פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון די פּאַלעסטינעזער.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ביידע פֿאָרשלאָגן רעפּרעזענטירן די מאַקסימאַלע פֿאָדערונגען פֿון צד. אַזוי למשל: לויט דעם ישראלדיקן פֿאָרשלאָג וועט די נייע אַדמיניסטראַ־טיווע אויטאָריטעט נישט פֿאַרמאָגן קיין שום אייגנשאַפֿטן פֿון סוווערעניטעט איבער די באַוווינער פֿון די שטחים ביז די גרענעצן מיט ישראל וועלן נישט אָנגעצייכנט ווערן, נאָכן פֿינף יאָריקן איבערגאַנגס־פּעריאָד. ישראל שטיצנדיק זיך אויף דעם וואָרט באַוווינער (ווי ער ווערט פֿאָרמולירט אין קעמפּ דייוויד אָפּמאַך) וועט זיך אַקעגנשטעלן דעם צוריקקומען פֿון די פּאַלעסטינער פֿון אויסלאַנד; וועט פֿאַר־לאַנגען עקסטעריטאָריאַליטעט פֿאַר די יידישע ישובים און עקסטעריטאָריאַלע רעכט פֿאַר ישראלדיקע בירגער אויף דעם גאַנצן געביט פֿון די שטחים. — דער מצרישער פּראָיעקט, נעמענדיק אין באַטראַכט אַז די אויסגעוויילטע אויטאָריטעט איז אַ מלוכה אונטערוועגנס, וואַרפֿט אָפּ די דאָזיקע ישראלדיקע פֿאָדערונגען. ס'איז אָבער בלי ספק אַז ביידע צדדים וועלן געפֿינען גענוג רוים פֿאַר אַ קאָמ־פּראָמיס, וואָס וועט פֿאַרזיכערן די לעבנסוויכטיקע אינ־טערעסן פֿון אַלע פּאַרטייען, ווייל סוף כל סוף מיינט נישט „פֿולע אויטאָנאָמיע” אַ זעלבסשטענדיקע, סוווערענע מלוכה.

דער דערפֿאָלג פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען וואָס וועלן וואַר־שיינלעך דורכגייִן דראַמאַטישע שטופּן (מיט, אָדער אָן אַ שפּיצן קאָנפֿערענץ אין אַמעריקע) איז סוף כל סוף אָפּ־הענגיק פֿון די פּאַלעסטינער גופֿא וואָס וועלן דאַרפֿן גייִן צו די וואַלן, אַ חודש נאָך דעם עוונטועלן הסכם.

דאָ שטעלט זיך די פֿראַגע: וועלן די פּאַלעסטינער גייִן צו די וואַלן, אָדער וועלן זיי באָיקאָטירן די וואַלן? נעמענ־דיק אין באַטראַכט אַז די פּ.ל.אָ. וועט נישט צוגעלאָזן ווערן אָפֿיציעל אָנטייל צו נעמען אין די וואַלן, וועט די טעראָ־ריסטישע אָרגאַניזאַציע שטיין פֿאַר אַ דילעמע: טעראָ־ריזירן און שאַנטאַזשירן די פּאַלעסטינער באַפֿעלקערונג זי זאָל באָיקאָטירן די וואַלן — דאָס איז איין אַלטערנאַ־טיווע. דאָס אָבער וואָלט אַראָפּגענומען די פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט פֿון ישראל. די אויטאָנאָמיע וואָלט געוואָרן די „ביצה שלא נולדה”. דער סטאַטוס קוואָ וואָלט זיך סטאַ־ביליזירט אויף אַ לאַנגע צייט מיט מערערע ישובים. דער שלום־אָפּמאַך מיט מצרים וואָלט נישט געוואָרן באַדראָט, צוליבן באָיקאָט פֿון דעם דריטן צד.

די צווייטע אַלטערנאַטיווע איז: אונטערשטיצן די וואַלן; אַרויסשטעלן קאַנדידאַטן, וואָס סימפּאַטיזירן מיט דער פּ.ל.אָ., אַזוי ווי אין די מוניציפּאַלע וואַלן אין 1976. — דער אונטערשיד איז — די לאַנד אויטאָנאָמיע, וואָס וועט געוויילט ווערן וועט לכל הדעות האָבן כמעט רעגירונגס מאַכט. דעמאָלט שטעלט זיך די פֿראַגע: די לאָקאַלע פּאַ־לעסטינער, נאָך דעם ווי זיי האָבן דערשמעקט דעם טעם פֿון מאַכט, צו וועלן זיי פֿרייוויליק אָפּגעבן די דאָזיקע מאַכט צו די אויסלענדישע פּאַלעסטינער, די אַראַפֿאַטס, האַבאַשעס א.א.וו.? לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, וועלן זיי זוכן אַ פּראַקטישן מאָדוס וויוועֿנדי מיט ישראל אין די אינטערעסן פֿון זייער באַפֿעלקערונג.

די „קדימה” האָט אַרויסגעשיקט אַ באַגריסונג
לכבוד דעם נומער הונדערט

„די גאָלדענע קייט”

מיט באַגייסטערונג נעמען מיר אויף
דעם נומער הונדערט

„די גאָלדענע קייט”

איר 30 יאָריקע עקזיסטענץ באַרעכטיקט
דעם גלויבן וועלכן מיר האָבן
אין דער וויטאַליטעט פֿון יידיש,
יידישער קולטור און ליטעראַטור.

מעלבורנער „פאַסט טו פיעס" ווייסן צו דערציילן, אַז יאַסער אַראַפאַט און זיין גרופּע זענען די מעסיקע.

דער ברוטאַלער אמת איז, אַז די „מעסיקע" האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון זייער ציל צו ליקווידירן מדינת ישראל. זיין מעסיקייט האָט יאַסער אַראַפאַט אויסגעדריקט אין דער רעדע פאַר די פאַראייניקטע פעלקער, ווען ער האָט דערקלערט, אַז דער ציל פון א סעקולערער מדינה אין גאַנץ פּאַלעסטין איז זיין חלום. אָבער דערווייל וואָלט ער מסכים געווען צו עטאַבלירן די פּאַלעסטינער מדינה אין דעם מערב־טייל פון ירדן און עזה־פּאַס. אָבער אַפילו פאַר דעם פּרייז, איז די פּ.ל.אָ. נישט גרייט צו אָנערקענען די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. דער חלוק צווישן די מעסיקע און עקסטרעמע באַשטייט אין דעם, אַז די מעסיקע רעפּרעזענטירן די אַזוי גערופענע בהדרגה־דיקע (שטופנווייז) סטראַטעגיע. צוערשט דער מערב טייל פון ירדן און עזה, שפּעטער אַריינקוועטשן מדינת ישראל אין די גרענעצן פון 1947 לויט חלוקה פּלאַן, נאָכן פאַרשלינגען דעם רעשט פון דער מדינה, איינקאָרפּאָרירן אַ טייל פון לבנון און כוסיינס קעניגרייך פון ירדן.

בעת די געשפּרעכן מיט ישראל האָט ד"ר קיסינדזשער שריפטלעך פאַרפליכטעט אַמעריקע נישט צו פירן קיין שום פאַרהאַנדלונגען מיט דער פּ.ל.אָ., פאַרן פּרייז פון דער צווייטער פאַזע פון „דיסענגעידשמענט". דער קאָנטראָווערסאַלער אַמבאַסאַדאָר צו די פאַראייניקטע פעלקער אַנדרי יאָנג האָט פאַרלוירן זיין פּאָסטן פאַרן פּרוּוו צו ברעכן די דאָזיקע פאַרפליכטונג. עס אונטערליגט אָבער נישט קיין שום צווייפל, אַז ס'זענען פאַראַן קאָנטאַקטן צווישן אַמעריקע מיט דער פּ.ל.אָ. דער צוועק פון די קאָנטאַקטן איז צו באַאיינפלוסן די פּ.ל.אָ. צו אָנערקענען די רעזאָלוציע 242, וואָס ווערט אומדירעקט באַדייטן אַז די פּ.ל.אָ. טוט אָנערקענען די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה. נעמענדיק אין באַטראַכט די סטרוקטור פון דער פּ.ל.אָ. זענען נישט פאַראַן קיין שום אויסזיכטן, אַז די דאָזיקע טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע, סיי די עקסטרעמע, סיי די מעסיקע פון דער בהדרגהדיקער סטראַטעגיע, וועלן ענדערן זייער שטעלונג.

פאַקטיש יאָגן זיך די אַמעריקאַנער נאָך, נאָך אַ פאַנטום. מיט דעם גאַנצן טומל און דער דיפּלאָמאַטישער פּאָמפּע — שטעלט די פּ.ל.אָ. נישט פאָר מיט זיך קיין שום עפעקטיווער כוח, וואָס קאָן דערגרייכן איר ציל.

די פּ.ל.אָ. איז אין א גרויסער מאָס אַ שפּילצייג, אַ גולם אין די הענט פון סיריע און איראַק. די דאָזיקע צוויי לענדער נוצן אויס דעם פּאַלעסטינעזער פּראָבלעם פאַר זייער אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די ביידע מדינות זענען נישט אידענטיש. אין איצטיקן מאָמענט האָבן די ביידע לענדער די זעלבע זאָרגן: די מורא פאַרן איינפלוס פון דער איראַנישער רעוואָלוציע אויף די שיאַ - מוזולמענישער באַפעלקערונג פון די ביידע לענדער. ביידע לענדער שטרעבן צו צעשטערן דעם שלום אָפּמאַך צווישן עגיפּטן און ישראל. די סיבות אָבער זענען פאַרשידענע. איראַק וויל צעשטערן דעם רעזשים פון סאַדאַטן, אין דער האָפענונג איבערצונעמען די פירערשאַפט פון דער אַראַבישער וועלט, ספּעציעל ווען צוליב דעם כאַאָס אין איראַן איז איראַק היינט דער שטאַרקסטער מיליטערישער כוח אין דעם אַראַבישן ראַיאָן פון קליין אַזיע.

סיריע איז קודם כל פאַראינטערעסירט צוריקצובאַקומען דעם גולן און איז נישט אַנטציקט מיט די איראַקישע אַספּיראַציעס, וואָס זענען קעגן די סירישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

ביידע לענדער שטיצן די פּ.ל.אָ. איראַק ריזיקירט גאָרנישט, ווייל זי האָט נישט קיין גרענעץ מיט ישראל. סיריע אָבער, איז נישט גרייט צו דערלויבן די פּ.ל.אָ. אויסצופירן טעראָר אַקטן קעגן ישראל אין א גרעסערער מאָס פון סירישן באָדן שוין צוליב דעם, וואָס אַן ערך דרייסיק טויזנט סירישע זעלנער געפינען זיך אין לבנון, אין א סטראַטעגיש אומגינסטיקער לאַגע, אין פאַל פון א ברייטער מלחמה מיט ישראל.

דאָס איינציקע וואָס די פּ.ל.אָ. קאָן אונטערנעמען, איז צו טעראָריזירן און שאַנטאַזשירן די פּאַלעסטינער, און דעם מערב־טייל פון ירדן כדי זיי זאָלן נישט אָנטייל נעמען אין די פאַרהאַנדלונגען וואָס קומען פאָר צווישן מצרים און ישראל אין דעם ענין אויטאָנאָמיע.

די אונטערהאַנדלונגען וועגן דער אויטאָנאָמיע זענען היינט זייער ערנסטע. דאָס וואָס מ'האָט אמאָל אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אַלס א ביצה שלא נולדה, קאָן היינט צעשטערן דעם שלום מיט מצרים. די נייע רעגיאָנאַלע קאָנסטעלאַציע האָט געבראַכט מיט זיך א טאָטאַלע איזאָלאַציע פון סאַדאַטס רעזשים אין דער גאַנצער אַראַבישער וועלט. די דאָזיקע איזאָלאַציע צווינגט איצט סאַדאַטן צו ווערן דער טשעמפּיאָן פון די פּאַלעסטינער אינטערעסן.

די צייט איז קורץ. לויט דעם שלום אָפּמאַך מוז קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג וועגן דער אויטאָנאָמיע ביז מאַי 1980. איין חודש שפּעטער דאַרפן פאָרקומען וואַלן צו דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס וועט זיין די אויטאָריטעט פאַר דעם פינף יאָריקן איבערגאַנגס פּעריאָד.

לויט פּראָפ. עמוס פּערלמוטער (וואַשינגטאָנער אוניווערסיטעט) זענען פאַראַן פינף ענינים, וואָס מוזן באַטראַכט ווערן כדי צו געפינען א לייזונג אין דער קורצער צייט: 1) ווער וועט קאָנטראָלירן די באַפעלקערונג אין די געביטן און פון וועמען וועט באַשטיין די באַפעלקערונג? 2) ווער איז דער אייגנטימער פון דער טעריטאָריע אין מערב טייל פון ירדן און עזה פּאַס? 3) וואָס פאַראַ מין רעגירונג וועלן די נייע געביטן האָבן און וועמען וועט דערלויבט ווערן צו פאָרמירן דעם דאָזיקן רעזשים? 4) ווער וועט באַוואַכן די שטחים און ווי אַזוי וועט די זיכערקייט פון ישראל און ישראלים ווערן גאַראַנטירט אין די דאָזיקע געביטן? 5) ווי אַזוי וועלן דעצידירט ווערן די גרענעצן פון די דאָזיקע געביטן און ווער וועט פאַרהאַנדלען אין דעם ענין?

די דאָזיקע פינף ענינים פלעכטן זיך דורך און די צוויי קעגנזעצלעכע פאָרשלאָגן פון מצרים און ישראל לויט דעם

ראַנישער פאַקטאָר האָט באַאיינפלוסט די פּאָזיציע פון ישראל און טוט אויך באַאיינפלוסן די אונטערהאַנדלונגען צווישן מצרים און ישראל.

די סאָוויעטישע אינוואַזיע קיין אַפגאַניסטאַן האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע וועלט, ווי אַן ערדציטערניש, און א היסטאָרישער פּאַראַלעל האָט אויפגעטויכט: דער מאַרש פון היטלערס חילות קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. די שטימונג פון עד כאן... די גאַנצע וועלט איז גע־שפּאַנט. די געפאַר פון אַ באַנייטער מלחמה אין קאָרעאַ, (די וויעטנאַמער קאָמוניסטן, געשטיצט פון רוסלאַנד קעגן די קאַמפּוטשיער קאָמוניסטן). עס באַשטייט א געפאַר, אַז דער קאָנפליקט דאָרט וועט זיך אויסשפּרייטן און אַריינ־ציען טיילאַנד.

סאָוויעטישע, מזרח־דייטשע און קובאַנער מיליטערישע איינהייטן זענען טעטיק אין אן ערך 20 אַפריקאַנער לענ־דער. דער פאַרזוך פון א פּוטש אין טונעזיע — אָרגאַניזירט דורך גאַדאַפי מיט דער ברכה פון מאָסקווע. צוויי טויזנט סאָוויעטישע טאַנקען אין ליביע (אַ קליין פּרימיטיוו פאָלק פון קוים 2 מיליאָן מענטשן). די טאַנקען וואַרטן וואַרשיינ־לעך אויף רוסישער מאַנשאַפט. דער מיסטעריעזער רעליגיעז ־ פּאָליטישער אַטאַק אויף דעם הייליקסטן איס־לאַמישן טעמפּל אין מעקאַ. סאָוויעטישע טאַנקען און עראָ־פּלאַנען און דרום תימן הארט ביי דער גרענעץ פון סאַוד אַראַביע.

אַ פולווער זאַק אויסגעלייגט פון די באַלקאַנען, אַפריקע, דעם מיטעלן מזרח, דרום מזרח אַזיע ביז קאָרעאַ. אַ פונק קאָן אויפרייסן די וועלט.

★

נישט אַריינגייענדיק אין שפּעקולאַטיווע אויספירונגען, צי שטייט די וועלט אויף דער שוועל פון אַ גלאָבאַלער אַטאָמישער קאַטאַסטראָפע — אין דער געענדערטער געאָפּאָליטישער און מיליטערישער לאַגע, וויל איך אַנאַ־ליזירן די פאַרהאַנדלונגען צווישן מצרים און ישראל אין די ראַמען פון שלום אָפּמאַך לפנים דער געענדערטער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע אין דער וועלט און רעגיאָ־נאַלער קאָנסטעלאַציע.

דער באַוווּסטער פּראָ־אַראַביסט דזשאָרדזש באָל (געוועזענער אונטערשטאַטס סעקרעטאַר פון אַמעריקע) האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין דער „וואַ־שינגטאָן פּאָסט”. דער מחבר הייבט אָן מיט אַ ציטאַט פון בריטישן היסטאָריקער אַרנאָלד טוינבי „ציוויליזאַציעס האָבן באַצאָלט די שטראָף פון אונטערגאַנג, ווייל זיי האָבן נישט רעאַגירט אויף די געענדערטע באַדינגונגען, וואָס האָבן באַשרענקט זייערע רעזערוון פון עסנוואַרג”. אויפן סמך פון טוינבי קומט דזשאָרדזש באָל צום אויספיר: „ביז איצט זענען מיר כסדר צוגעגאַנגען צום מיטל מזרחדיקן פּראָבלעם פון דער שלעכטער זייט, אַוועקגעגעבן אומגע־הויער גרויסן פּאָליטישן קאַפּיטאַל צו לייזן דעם ישראל־עגיפּטישן שטרייט, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט אויל, בעת אין דעם פּראָצעס האָבן מיר צעפלאָמט דעם ישראל־פּאַלעסטינעזישן קאָנפליקט, וואָס באַאיינפלוסט קריטיש אונ־דזערע באַציאונגען מיט די אויל פּראָדוצירנדיקע מדינות”.

דער מעלבורנער „אידזש”, וואָס איז כלומרשט נישט אַנטי־ישראל האָט אין אַ לייט־אַרטיקל פון 26־טן יאַנואַר אָנגענומען די דזשאָרדזש באָל פּראָ־אַראַבישע שטעלונג אַלס פּאַנאַצעאַ (רפואה) צו ראַטעווען די מערב־וועלט: „דער פּרעזידענט (קאַרטער) דאַרף אײַנ־ועסטירן אין זיין דאָק־טרין גלויבווירדיקייט, ספּעציעל אין באַצוג צו סאַוד־אַראַביע”... „דער סיגנאַל פון ריאַד (הויפּטשטאָט פון סאַוד אַראַביע מ. פ.) איז: — סאַוד אַראַביע קאָן זיך אָפּן שטעלן אויף דער זייט פון אַמעריקע אין דעם ענין אַפגאַניסטאַן נאָר דאַן אויב אַמעריקע וועט באַזייטיקן פון וועג דעם פּאַלעסטינעזער מכשול, און ברענגען סיריע, ירדן און די פּ.ל.אָ. צו די פאַרהאַנדלונגען”...

ס'איז ממש א חרפה פאַר אן ערנסטער טאָג־צייטונג, צו באַנוצן א לאָגיק אין א לייט אַרטיקל, וואָס איז קאָפּויער צו באַקאַנטע פאַקטן. אַ פאַקט איז, אַז סאַוד אַראַביע האָט זיך אָפן געשטעלט אויף דער זייט פון אַמעריע אָן שום באַדינגונגען. סאַוד אַראַביע איז געווען איינע פון די ער־שטע מדינות, וואָס האָט אָפן דערקלערט אַ באָיקאָט אויף דער אָלימפּיאַדע אין מאָסקווע, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַפגאַניסטאַן.

דער טרויעריקער פאַקט איז אַז די מערב־לענדער, וואָס פּרעדיקן דעמאָקראַטיע, מענטשן רעכט אא"וו וואָלטן גערן מקריב געווען די יידישע מדינה אויפן מזבח פון אויל, אַפילו ווען דער אויל־קריזיס האָט נישט קיין שייכות מיט ישראל (ביישפּיל — איראַן), גלויבנדיק נאַאיוו אַז דער קרבן עולה וועט זיי געבן א פאַר מער מיילן פאַר זייערע אויטאָס.

★

די ישראל־מצרישע פאַרהאַנדלונגען, וואָס גייען איצט אָן אין שאָטן פון דער נייער קאָנסטעלאַציע, זוכן א לייזונג פאַר דעם פּאַלעסטינעזער פּראָבלעם.

אין דעם קעמפּ דייוויד אָפּמאַך און דער שלום פּאַקט מיט מצרים ווערט די פּ.ל.אָ. נישט דערמאָנט. דאָס הייסט אָבער נישט אַז די פּ.ל.אָ. עקזיסטירט נישט — זייט 1956 — ווען די פּ.ל.אָ. האָט זיך קאָנסטיטואירט אלס אַ קליינע טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע אין עזה פּאַס — איז די דאָ־זיקע טעראָר אָרגאַניזאַציע זיך צעוואַקסן. אין 1974 האָט די קאָנפערענץ פון די אַראַבישע לענדער אין רבת אָנער־קענט די פּ.ל.אָ. אַלס די איינציקע פאָרשטייערשאַפט פון די פּאַלעסטינעזער און היינט איז די פּ.ל.אָ. אָנערקענט דורך מער ווי הונדערט מדינות.

לויט איר קאָנסטיטוציע צילט די פּ.ל.אָ. צו ליקווידירן מדינת ישראל און נאָר די יידן וואָס זענען געבוירן גע־וואָרן אין פּאַלעסטיין פאַר 1917 וועלן קאָנען פאַרבלייבן אין דער „סעקולערער דעמאָקראַטישער מדינה פון פּאַ־לעסטיין”.

די וועלט־פּרעסע, און אויך די יידישע „טויבן” וועלכע גרופּירן זיך אַרום דער צייטשריפט „אוטלוק” און אויך די

באַשעפּטיקט אין פּלאַנירן פּאָליטישע צוגן פון אַמעריקע און אַנדערע מערב־מדינות; וועלכע טוען נישט עפּעס אַנ־דערש — נאָר האַלטן אַן אויג אויף דער אַנטוויקלונג און גאַנג פון דער סאָוויעטישער עקספּאַנסיע — זיי קענען נאָך אַלץ נישט דערקענען איר אמתן פּנים...

★

אין דער קאָנפראָנטאַציע צווישן מזרח און מערב האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישט גענוג צו האָבן א גע־וויסן סכום אַטאָם־באָמבעס (כאָטש מיט צען מער, ווי דער קעגנער) אָדער עראָפּלאַנען, אָדער אַטאָמישע אונטערוואַ־סער־שיפן.

עס איז אויך נויטיק אַן אידעאָלאָגיע, אַ גייסטיקער ציל. עס איז נישט וויכטיק, וואָס מיר האַלטן דער קאָמו־ניסטיש דאָקטרין פאַר אַ פאלשער; עס איז אויך נישט וויכטיק, אַז די רוסישע מענטשן (אָדער איינוווינער פון אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער) זענען פון דער אידיי גאָר קנאַפּ באַגייסטערט — וויכטיק איז, אַז עס איז דאָ אַ ריכט־ליניע, אַן אידיי צו פאַרווירקלעכן. דער פירער האָט געקאָנט הייסן לענין אָדער סטאַלין; כרושטשאָוו אָדער ברעזשניעוו. מאָרגן וועט עס זיין איוואַנאָוו אָדער פּיעטראָוו אָדער סוסלאָוו — אַלע געדאַנקען און טואונגען פון דער סאָוויעטישער אָנפירערשאַפט גייט אין איין ריכ־טונג — צו שטופּן דעם קאָמוניסטישן וואָגן פאָרויס. צייט איז פאַר זיי — אַ רעלאַטיווער באַגריף.

צום באַדויערן פעלט דעם מערב יעדער מין אידיי. די קאַפּיטאַנען פון דער עקאָנאָמיע (און נאָך זיי שלעפּן זיך נאָך די פּאָליטיקער) האָבן אין זינען בלויז פּראָפיטן — אָן אונטערשיד וועלכע רעזשימען עס געניסן דערביי. הערן מיר דאָך שוין שטימען פון אומצופרידנקייט מיטן איינשטעל פון נישט־פאַרקויפן מער קיין ווייץ די סאָוויעטן. (פּונקט אַצינד, ווען אַמעריקע פאַרקויפט נישט, קאָן מען דאָך אָפּלעקן אַ ביינדל...) אומצופרידנייט מיט דעם, וואָס מען רופט צו באָיקאָטירן די אָלימפּיאַדע אין מאָס־קווע. ביי מערבדיקע מלוכה־מענער איז דאָ א מורא צו אַנ־גאַזשירן זיך אין פּאָליטישע אַקטן, מיט דער פּערספּעקטיוו אויף דער צוקונפט. (איבעראַיאָר קאָן דאָך זיין אַן אַנדער פּרעמיער אָדער פּרעזידענט — און ער קאָן איינזאַמלען די קרעדיטן פון מיין אָנשטרענגונג...)

אוודאי קאָן מען אָנווייזן אויף פּרעזידענט קאַרטערס רוף פאַר מענטשן־רעכט, און די אָפּמאַכן דערוועגן. די אָפּמאַכן האָבן געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג און קאָנען געוויס נישט אָננעמען די פאָרם פון אַ פירנדיקע אידיי.

צוליבן פעלן פון אַן אידיי, מוז דער מערב בלויז רעאַגירן אויף געשעענישן — ער קאָן זיי נישט איניצירן. דעריבער גיבן די סאָוויעטן דעם טאָן אין דער וועלט־פּאָליטיק, און אַמעריקעס האַנדלונגען זענען בלויז אַן עכאָ.

מ. אָ.

# די אויטאָנאָמיע־פאַרהאַנדלונגען אין שאָטן פון אַ נייער קאָנסטעלאַציע

ד״ר מ. פערשטענדיק

ווען דער שלום אָפּמאַך צווישן מצרים און ישראל איז ראַטיפיצירט געוואָרן אין מערץ 1979, האָט די עפנט־לעכע מיינונג פון דער וועלט באַטראַכט די דאָזיקע היסטאָרישע געשעעניש אַלס אַ סעפּעראַטן שלום צווישן די צוויי מדינות. קאָמענטאַטאָרן האָבן געלערנט פּשט, אַז דער פאָרמעלער סעפּעראַטער שלום אָפּמאַך פאַרזיכערט א פאַקטישן שלום צושטאַנד אַרום אַלע גרענעצן פון יש־ראל, ווייל אָן דער מיליטערישער מאַכט פון מצרים זענען די פאַרבליבענע קאָנפראָנטאַציע לענדער נישט בכוח אָנצוגרייפן די ייִדישע מדינה.

קלאָר און לאָגיש. אין דעם „סעפּעראַטן" שלום־אָפּ־מאַך רעד זיך אויך וועגן די רעכט פאַר די פּאַלעסטינער; וועגן אַ פולער אויטאָנאָמיע פאַר דער פּאַלעסטינעזער באַפעלקערונג אין יהודה, שומרון און אין דעם עזה־פּאַס. איז אָבער די איבערוועגנדיקע מיינונג פון די קאָמענטאַ־טאָרן געווען, אַז דער גאַנצער עסק, מיט דער אויטאָנאָמיע איז אַ ביצה שלא נולדה, וואָס סאַדאַט האָט באַדאַרפט האָבן אַלס אַ פייגנבלאַט...

דער קעמפּ דייוויד אָפּמאַך (סעפּטעמבער 1978), די ראַטיפיקאַציע פון שלום אָפּמאַך (מערץ 1979) געהערן צו דעם היסטאָרישן פעריאָד פון התפעלות, ממש נאָציאָ־נאַלער עקסטאַז. אָבער אין די לעצטע פאָר חדשים האָט זיך די וועלט געענדערט.

די מיליטעריש גרעסטע מאַכט אינעם מיטעלן מזרח איז זיך צעפאַלן ווי א קאָרטן הויז. דאָס מיינט איראַן, די איינציקע מוזולמענישע מאַכט וואָס איז געווען פריינדלעך צו מדינת ישראל, געהאַנדלט און געוואַנדלט מיט ישראל, געהאַט אינטימע מיליטערישע אינטעליזשענס באַציאונגען מיט ישראל. דאָס איז געווען אַמאָל. היינט אמטירט די דע־לעגאַציע פון דער פ.ל.אָ. אין דער געביידע פון דער אַמאָ־ליקער ישראלדיקער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייערשאַפט. די דאָזיקע דראַמאַטישע ענדערונג האָט צעשטערט דעם סטראַטעגישן באַלאַנס אין דעם גאַנצן ראַיאָן. איראַן האָט געהאַלטן אין צוים די ראַדיקאַלע איראַק. געהאָלפן מיט מיליטערישע איינהייטן דעם סולטאַנאַט פון אָמאַן קעגן די לינקע דיווערסאַנטן, געווען דער באַשיצער פון די אַלע אויל פּראָדוצירנדיקע אַראַבישע לענדער אינעם פּערסישן גאָלף. היינט איז די מיליטערישע מאַכט פון איראַן צע־בראָכן און די פונדאַמענטאַליסטישע איסלאַמער רעוואָלו־ציע באַדראָט די אינערלעכע סטאַביליטעט פון די מוזול־מענישע מדינות אין דעם גאַנצן מיטעלן מזרח.

ס'אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל, אַז דער אי־

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע : "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

פעברואַר־מערץ 1980 נומער 10 (21) מעלבורן, אויסטראַליע


## דער מערב — אַ קרבן פון זיין אייגענער נאַיוויטעט

מענטשן שטודירן געשיכטע און — לערנען גאָרנישט. ווי אַנדערש קאָן מען פאַרשטיין די טריוואָגע וואָס פּרע־זידענט קאַרטער האָט אויפגעהויבן, זינט די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען אַפגאַניסטאַן. זענען עס אַנדערע סאָוויעטן ווי די, וועלכע האָבן פאַרנומען ליטע, לעטלאַנד און עס־טאָניע (1940), אָדער אונגאַרן (1956) אָדער טשעכאָסלאָ־וואַקיע (1968)? די זעלבע סאָוויעטן און די זעלבע טאַנקן... עס איז דעריבער שווער צו פאַרשטיין: וואָס דערוואַרט דער מערב פון די סאָוויעטן?

יעדער אויסערן־מיניסטעריום פון די מערב־לענדער שוויבלט און גריבלט מיט ספּעציאַליסטן: סאָוויעטאָלאָגן; קרעמלינאָלאָגן און אַנדערע שוואַרציאָרן וואָס פאַרנעמען היכע, גוט באַצאָלטע פּאָסטנס און אין זייער זעלבסט־צופרידנקייט באַמיען זיי זיך אונדז איינצורעדן, אַז דאָס זענען שוין נישט יענע סאָוויעטן... און נאָך איין לעק־ציע פון דער גאָר נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט פון וועלכער מיר זענען געווען עדות:

היטלער האָט פאַרנומען (אָדער צוריקגענומען — לויט דער נאַצישער טעאָריע) סאַאַר־געביט; דאַן האָט ער פאַראייניקט עסטרייך מיט דייטשלאַנד (אַנשלוס) דאַן האָט ער צוגעזאָגט צו זיין גוט און פרום, אויב מען וועט אים נישט שטערן צו פאַרנעמען טשעכאָסלאָוואַקיע און מען האָט אים געגלויבט... און נאָך דעם — פאַרשטייט זיך — האָט ער באַקומען אַפּעטיט אויף פוילן...

ווען רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבן זיך צעטיילט מיט פוילן (1939) האָבן מענטשן, וועלכע האָבן געוווינט ביי דער באַן־ליניע וואָס פירט אין דער ריכטונג פון מערב געזען די צוגן מיט נאַפט און אַנדערע גיטער, וועלכע זע־נען טאָג און נאַכט, אָן איבעררייס געלאָפן אין דער ריכטונג פון דייטשלאַנד. דאָס רוסישע פאָלק האָט זיך גענויטיקט סיי אין נאַפט און סיי אין ווייץ — אָבער די דייטשן זענען געווען בילכער...

יאָ — די רוסן האָבן געהאָלפן צו באַזאָרגן דער דייט־שער קריגס־אינדוסטריע מיט רוי־שטאָפן; דער דייטשער אַרמיי — מיט שפּייז.

געדענקט עס נישט דער מערב? היינט שווימען איבער די ימען שיפן מיט מיליאָנען טאָנען תבואה פאַר דער סאָ־וויעטישער אַרמיי; טעכנאָלאָגישע הילף און וויכטיקע מינעראַלן און רוי־שטאָפן קריגן די סאָוויעטן, און דאָס העלפט זיי צו בויען בעסערע עראָפּלאַנען און גרעסערע קריגס־שיפן.

די סאָוויעטישע אַרמיי וואָס האָט פאַרנומען אַפגאַניסטאַן, קעגן וועלכער פּרעזידענט קאַרטער האָט אויפגערודערט די וועלט, ווערט דאָך באַזאָרגט מיט אַמעריקאַנער, אויס־טראַליער אָדער קאַנאַדער פּראָדוקטן.

דער איינציקער אונטערשיד צווישן די סאָוויעטישע צושטעלונגען פאַר דייטשלאַנד, און די אַמעריקאַנער (אָדער אַנדערע לענדער) פאַר רוסלאַנד באַשטייט אין דעם, וואָס די סאָוויעטן האָבן די אַלע פּראָדוקטן אָפּגעריסן פון מויל פון רוסישן מענטשן. דער מערב טוט עס צוליב איבער־פּראָדוקציע, צוליב פּראָפיטן. (כאָטש די רוסן יאָגן זיך נישט צו באַצאָלן, און דער חוב צום מערב באַטרעפט מיליאַרדן דאָלאַרן).

דער מערב חזרט איבער גענוי דאָס — וואָס די סאָ־וויעטן האָבן געטאָן: די סאָוויעטן האָבן געהאָלפן אויס־שטאַטן די היטלער־אַרמיי — און דער מערב העלפט אויסשטאַטן און באַזאָרגן דער רויטער אַרמיי.

טאָמער וויל זיך עמעצער איינרעדן (צוליב פּערזענלע־כער באַקוועמלעכקייט) אַז דער פאַרגלייך שטימט נישט — קען ער זיין זיכער, אַז די דאָזיקע איינרעדעניש וועט זיין אַ גאָר קורצווייליקע. עס איז נישט וויכטיק צו די סאָוויעטישע אַרמיי וועט אַריינמאַרשירן קיין איראַן מאָרגן — אָדער אין אַ חודש אַרום: היפּאָטעטיש קאָן מען זיך עס שוין פאָרשטעלן ווי אַ געשעענער פאַקט. און וואָס ווייטער? ווייטער וועט אַמעריקע בלייבן שטיין פאַרן פּאַראַדאָקס: די סאָוויעטן וועלן זיין די — וועלכע וועלן באַפרייען די אַמעריקאַנער עורבניקעס...

★

עס זענען דאָ קלוגע לייט וועלכע זאָגן אונדז, אַז: „דער קאָמוניזם האָט נישט געענדערט אויף אַזוי פיל רוסלאַנד, אויף וויפל רוסלאַנד האָט געענדערט דעם קאָמוניזם". וואָס זשע איז פון דעם געדרונגען? האָבן מיר דאָך נישט קיין אַנדער ביישפּיל פון קאָמוניזם — נעמען מיר דעריבער אָן, אַז דאָס איז דער קאָמוניזם וועלכן די סאָוויעטן ווילן (און וועלן?!) אַרויפצווינגען אויף דער וועלט.

עס איז צו שטוינען, ווען מענטשן וואָס זענען יאָרן לאַנג



# „קדימה"

פּרעזענטירט

די גאַסטשפּילן פון באַרימטן יידיש־סאָוועטישן

קאָנצערט־זינגער

# עמיל
# גאָראָאָוויעץ

אין אַ פּראָגראַם פון יידישע, העברעישע און רוסישע
פאָלקס און קונסט־לידער

- ★ שבת, דעם 8טן מערץ, 8 אָוונט אין „הכוח" — סידנעי
- ★ זונטיק, דעם 9טן מערץ, 8 אָוונט אין קאָולפילד טאַון האָל, קאָולפילד
- ★ שבת, דעם 15טן, זונטיק, 16טן און זונטיק, 23טן מערץ, 8 אָוונט אין „קדימה"

- ★ זונטיק, דעם 23טן מערץ, 3.30 נ"מ

## ספּעציעלער נאָכמיטאָג־קאָנצערט

עס ווערט אויך צוגעגרייט

## אַ פייערלעכער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער אָוונט

מיטן אָנטייל פון

## חוה ראָזענפאַרב און עמיל גאָראָאָוויעץ

ביים קלאַוויר: נחמה פאַטקין

---

בילעטן צו באַקומען: אין סעקרעטאַריאַט פון „קדימה" 523־9817; אין באַלבערישסקיס בוכהאַנדלונג 534־6003

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:


מ. א. — דער מערב — אַ קרבן פון זיין אייגענער נאַיוויטעט . 1

ד״ר מ. פערשטענדיק — די אויטאָנאָמיע פאַרהאַנדלונגען אין שאָטן פון אַ נייער קאָנסטעלאַציע . . . . . . . . . . 2

י. ראָטנבערג — ווי אַזוי קען קומען די ישועה? . . . . . . . . . . 6

ד״ר עזריאל נאַקס — איינשטיין — זיין יידישער שורש . . . . . . . . 8

י. מ. לעווין — דער איינזאַמער בוים . . . . . . . . . . . . . 10

מעם — פאַרבייגייענדיק . . . . . . . . . . . . . . . . 11

ח. מאַלטינסקי — לידער . . . . . . . . . . . . . . . . 12

הענרי שטייער — דער גורל פון טרעבלינקע . . . . . . . . . . 13

פון דער „קדימה״ ביבליאָטעק . . . . . . . . . . . 18


פרייז 1 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה״ אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 10 (21) פעברואַר–מערץ 1980